However, not all nouns form their plurals this systematically. Nouns not belonging to the above categories can form their plurals in various ways, and there are no consistent rules dictating which nouns take which plural form. This means that often you just have to memorize the plural of new nouns (though there are occasional tendencies that may help you guess sometimes). From now on plural forms will appear following new nouns in the vocabulary lists, and can be found in the glossary as well. Here are the remaining ways of forming plurals:

1 Suffix ער-. Nouns with this plural often end in a consonant plus ד.

Example בילדער ← בילד

2 Suffix ער- plus internal vowel changes. These vowel changes are usually the same as those for the diminutive (see language point 2 above).

Examples ביכער ← בוך
הײַזער ← הויז

3 Suffix ן-. This is a common suffix for nouns ending in various consonants.

Examples צימערן ← צימער
קיכן ← קיך
ייִדן ← ייִד (Jew)
מענטשן ← מענטש

4 Suffix ען-. This is common with (but not limited to) nouns ending in ם and consonant plus ל (in nouns that are not diminutives).

Examples בלומען ← בלום
אַרטיקלען ← אַרטיקל (article)

5 No suffix; just a vowel change. This can be compared to English nouns like foot (plural feet) and goose (plural geese), but is more common in Yiddish. The vowel changes are generally the same as those listed for the diminutive.

Examples פֿיס ← (foot) פֿוס
טעג ← טאָג

6 Some nouns have no distinct plural form, and only context can tell you whether the noun is singular or plural.

Example פֿענצטער ← פֿענצטער

Note:
With the exception of ים-, adding a plural suffix does not cause the stress of the word to change.

Finally, bear in mind that you will occasionally encounter exceptions to the rules outlined above: for example, some *loshn-koydesh* nouns take plural suffixes other than ים- or ות-, while some nouns not ending in ע take the plural suffix ס-.

4 The adjective ייִדיש

The adjective ייִדיש can mean either 'Yiddish' or 'Jewish'. Usually the context will make it clear which meaning is intended, but sometimes the word can be ambiguous; for example, ייִדישע ביכער can mean either 'Yiddish books' or 'Jewish books'.

Exercise 5 (CD1; 29)

Rewrite the following sentences, putting the nouns in bold into the plural form. Remember to make verbs and adjectives plural and to remove the indefinite article when necessary.

1 חנה האָט אַ **בוך**.
2 די **לערערקע** װױנט אין לאָנדאָן.
3 דאָס **לעמפּל** איז שײן.
4 דער **צימער** האָט אַ **סאָפֿקע**.
5 רחל האָט אַ שײן **בילד**.
6 דער **טאָג** איז לאַנג.
7 רחל רעדט מיט אַ **חבֿר**.
8 די קלײנע **דירה** איז נישט באַקװעם.

Supplementary text

(CD1; 30)

A popular setting for Yiddish tales is the village of Chelm (כעלעם) in Poland. In Ashkenazi folk culture Chelm is famous for being populated by fools. The Jews of Chelm (כּעלעמער ייִדן) often employ their own special brand of bizarre logic to solve problems, as in this story. Check the glossary at the end of the book for any new words.

צוויי כעלעמער ייִדן און אַ בענקל

אַ כעלעמער ייִד קויפֿט אַ שיין נײַ בענקל פֿאַר זײַן סאַלאָן. ער שלעפּט דאָס בענקל אַהיים. ווען דער ייִד קומט צו זײַן טיר, זאָגט ער, "אוי וויי! דאָס בענקל איז צו גרויס פֿאַר מײַן טיר!" אַן אַנדער כעלעמער קומט און זאָגט, "דער פֿענצטער אין דײַן שלאָפֿצימער איז זייער גרויס. לאָמיר אַרײַנשטופּן דאָס בענקל דורך דעם פֿענצטער!" דער ערשטער כעלעמער זאָגט, "דער פֿענצטער איז צו הויך! וואָס קענען מיר טאָן?" דער חבֿר זאָגט, "דאָס איז נישט קיין פּראָבלעם. מיר קענען צעהאַקן דאָס בענקל און וואַרפֿן די שטיקלעך דורך דעם פֿענצטער!"

Unit Five

ווּ וווינט דײַן משפּחה?

Where does your family live?

In this unit you will learn:

- how to talk about family
- how to count to 100
- how to ask about and give someone's age
- how to tell the time
- possessive adjectives
- the nominative and accusative cases
- about Shabes, the Jewish Sabbath

Dialogue 1

(CD1; 32)

Khane and Dovid are talking about their families. Khane loves the idea of having a big family like Dovid, but Dovid is not quite as enthusiastic.

חנה וויפֿל מענטשן זענען דאָ אין דײַן משפּחה? צי וווינט איר אַלע צוזאַמען?

דוד איך האָב צוויי שוועסטער און צוויי ברידער. איין שוועסטער איז אַ חתונה־געהאַטע און וווינט מיט איר מאַן און זייערע קינדער, און איין ברודער לערנט אין ישיבֿה אין ישׂראל. איך און די אַנדערע צוויי וווינען בײַ מײַנע עלטערן.

חנה האָסטו אויך אַ סך מומעס און פֿעטערס?

דוד דער טאַטע האָט דרײַ שוועסטער און צוויי ברידער, און די מאַמע האָט פֿינף שוועסטער און דרײַ ברידער. אַ סך פֿון זיי וווינען לעבן אונדז.

חנה טאַקע? דו האָסט זיכער אַ סך שוועסטערקינדער!

דוד יאָ, איך האָב בערך דרײַסיק קוזינען און דרײַסיק קוזינקעס.

חנה אָון וואָס מיט פּלימעניקעס אָון פּלימעניצעס?

דוד נאָר צוויי. דער פּלימעניק איז זיבן יאָר אַלט און די פּלימעניצע איז פֿיר יאָר אַלט.

חנה איך וויל וווינען בײַ דײַן משפּחה! מײַן משפּחה איז אַזוי קליין - עס איז דאָ נאָר דער טאַטע, די מאַמע, אַ באָבע, און אַ זיידע.

דוד דו מוזסט קומען צו אונדז אויף שבת. אָבער מער ווי איין טאָג בײַ אונדז און דו קענסט משוגע ווערן!

KHANE vifl mentshn zenen do in dayn mishpokhe? tsi voynt ir ale tsuzamen?

DOVID ikh hob tsvey shvester un tsvey brider. eyn shvester iz a khasene-gehate un voynt mit ir man un zeyere kinder, un eyn bruder lernt in yeshive in yisroel. ikh un di andere tsvey voynen bay mayne eltern.

KHANE hostu oykh a sakh mumes un feters?

DOVID der tate hot dray shvester un tsvey brider, un di mame hot finf shvester un dray brider. a sakh fun zey voynen lebn undz.

KHANE take? du host zikher a sakh shvesterkinder!

DOVID yo, ikh hob beerekh draysik kuzinen un draysik kuzinkes.

KHANE un vos mit plimenikes un plimenitses?

DOVID nor tsvey. der plimenik iz zibn yor alt un di plimenitse iz fir yor alt.

KHANE ikh vil voynen bay dayn mishpokhe! mayn mishpokhe iz azoy kleyn – es iz do nor der tate, di mame, a bobe, un a zeyde.

DOVID du muzst kumen tsu undz oyf shabes. ober mer vi eyn tog bay undz un du kenst meshuge vern!

KHANE *How many people are there in your family? Do you all live together?*

DOVID *I have two sisters and two brothers. One sister is married and lives with her husband and their children, and one brother is studying in yeshiva in Israel. The other two and I (literally: I and the other two) live with my parents.*

KHANE *Do you also have lots of aunts and uncles?*

DOVID *My (literally: the) father has three sisters and two brothers, and my (literally: the) mother has five sisters and three brothers. Many of them live near us.*

KHANE *Really? You must have (literally: you surely have) a lot of cousins!*

DOVID *Yes, I have about thirty [male] cousins and thirty [female] cousins.*

KHANE *And what about nephews and nieces?*

DOVID *Just two. My (literally: the) nephew is seven years old, and my (literally the) niece is four years old.*

KHANE *I want to live with your family! My family's so small – there's just my (literally: the) father, my (literally: the) mother, a grandmother, and a grandfather!*

DOVID *You have to come to our house (literally: to us) for Shabes (Shabbat/Sabbath). But more than one day with us and you may go (literally: become) crazy!*

Vocabulary

introduces a yes/no question (optional but quite common)	*tsi*	צי
together	*tsuzamen*	צוזאַמען
two	*tsvey*	צוויי
sister; sisters	*shvester (di), –*	שוועסטער (די), –
brother	*bruder (der), brider*	ברודער (דער), ברידער
married woman	*khasene-gehate (di), –*	חתונה [כאַסענע]-געהאַטע (די), –
her	*ir, -e*	איר, -ע
husband; man	*man (der), mener*	מאַן (דער), מענער
their	*zeyer, -e*	זייער, -ע
child	*kind (dos), -er*	קינד (דאָס), -ער
to study (in the above context)	*lernen*	לערנען
yeshiva (academy for the study of Talmud and Jewish law)	*yeshive (di), -es*	ישיבֿה [יעשיווע] (די), -ות
my	*mayn, -e*	מײַן, -ע
parents	*eltern*	עלטערן (plural)

aunt	*mume (di), -s*	מומע (די), -ס
uncle	*feter (der), -s*	פֿעטער (דער), -ס
three	*dray*	דרײַ
five	*finf*	פֿינף
near	*lebn*	לעבן
us	*undz*	אונדז
cousin	*shvesterkĩnd (dos), -er*	שוועסטערקינד (דאָס), -ער
approximately	*beerekh*	בערך [בעערעך]
thirty	*draysik*	דרײַסיק
male cousin	*kuzĩn (der), -en*	קוזין (דער), -ען
female cousin	*kuzin(k)e (di), -s*	קוזינ(ק)ע (די), -ס
nephew	*plimenik (der), -es*	פּלימעניק (דער), -עס
niece	*plimẽnitse (di), -s*	פּלימעניצע (די), -ס
seven	*zibn*	זיבן
year	*yor (dos), -n*	יאָר (דאָס), -ן
old	*alt*	אַלט
father; dad	*tate (der), -s*	טאַטע (דער), -ס
mother; mum/mom	*mame (di), -s*	מאַמע (די), -ס
grandmother; grandma	*bobe (di), -s*	באָבע (די), -ס
grandfather; grandpa	*zeyde (der), -s*	זיידע (דער), -ס
more than	*mer vi*	מער ווי
crazy	*meshuge*	משוגע [מעשוגע]
to become	*vern*	ווערן

Additional vocabulary

son	*zun (der), zin*	זון (דער), זין
daughter	*tokhter (di), tekhter*	טאָכטער (די), טעכטער
wife	*vayb (dos), -er*	ווײַב (דאָס), -ער
grandchild	*ẽynikl (dos), -ekh*	אייניקל (דאָס), -עך
father-in-law	*shver (der), -n*	שווער (דער), -ן
mother-in-law	*shviger (di), -s*	שוויגער (די), -ס
brother-in-law	*shvoger (der), -s*	שוואָגער (דער), -ס
sister-in-law	*shvẽgerin (di), -s*	שוועגערין (די), -ס

son-in-law	*eydem (der), -s/-es*	אײדעם (דער), -ס/-עס
daughter-in-law	*shnur (di), -n/shnir*	שנור (די), -ן/שניר
in-laws	*mekhutonim*	מחותּנים [מעכוטאָנים] (plural)
relative	*korev (der), kroyvim*	קרובֿ [קאָרעוו] (דער), -ים [קרויווים]

Language points

1 Possessive adjectives (my, your, his, etc.)

There are two sets of possessive adjectives in Yiddish, one used before singular nouns and the other before plural nouns. Here is the set used before singular nouns. Unlike other adjectives, possessive adjectives do not change depending on the gender of the noun.

אונדזער our	מײַן my
אײַער your (plural)	דײַן your (singular)
זייער their	זײַן his
	איר her

Here is the set used before plural nouns. It ends in ע, like all other Yiddish plural adjectives.

אונדזערע our	מײַנע my
אײַערע your (plural)	דײַנע your (singular)
זייערע their	זײַנע his
	אירע her

Compare the use of the singular and plural possessive adjectives:

Plural	**Singular**
מײַנ**ע** **קינדער** לערנען אין ישיבֿה. My children study in yeshiva.	**מײַן** קינד לערנט אין ישיבֿה. My child studies in yeshiva.
אונדזער**ע** **קינדער** לערנען אין ישיבֿה. Our children study in yeshiva.	**אונדזער** קינד לערנט אין ישיבֿה. Our child studies in yeshiva.

2 Numbers 0–100

Here are the Yiddish numbers from zero to 100.

1	איינס (when counting) איין (before a noun)	11	עלף	22	צוויי און צוואַנציק\צוואָנציק
2	צוויי	12	צוועלף	30	דרײַסיק
3	דרײַ	13	דרײַצן	40	פֿערציק
4	פֿיר	14	פֿערצן	50	פֿופֿציק
5	פֿינף	15	פֿופֿצן	60	זעכציק
6	זעקס	16	זעכצן	70	זיבעציק
7	זיבן	17	זיבעצן	80	אַכציק
8	אַכט	18	אַכצן	90	נײַנציק
9	נײַן	19	נײַנצן	100	הונדערט
10	צען	20	צוואַנציק\צוואָנציק	0	נול
		21	איין און צוואַנציק\צוואָנציק		

You can see that the numbers 13–19 are the same as the numbers 3–9 plus -צן; in most cases there is a vowel change as well.

Similarly, the numbers 30–90 are formed by taking the numbers 13–19 and replacing -צן with -ציק. The only exception is 30, which has -סיק instead of -ציק.

Remember that in all compound numbers (21, 22, 31, 32, etc.) the single digit comes first.

3 Ages

'How old are you' in Yiddish is ?ווי אַלט ביסטו

The answer is .איך בין ______ יאָר אַלט (I'm ______ years old).

Exercise 1

Insert the possessive adjective that matches the pronoun provided in brackets.

Example חנה איז ______ [איך] שוועסטער. ← חנה איז **מײַן** שוועסטער.

1 צי קענסטו אַלע ______ [דו] קוזינען?
2 ______ [ער] שוועסטער הייסט חנהלע.
3 מיר וווינען בײַ ______ [מיר] עלטערן.
4 דוד רעדט מיט ______ [ער] ברידער.
5 איר גייט צו ______ [איר] פֿעטער אויף שבת.
6 זיי האָבן ליב ______ [זיי] שוועסטערקינד.
7 ______ [איך] מומע איז צוויי און נײַנציק יאָר אַלט.
8 חנה מיינט אַז ______ [זי] משפּחה איז צו קליין.
9 איך קען נישט ______ [איך] באָבעס.
10 רעדסטו אָפֿט מיט ______ [דו] ברודער?

Exercise 2

Say how old each of Dovid's relatives is.

Example די מומע = 74 ← די מומע איז פֿיר און זיבעציק יאָר אַלט.

1 דער ברודער = 26
2 די שוועסטער = 35
3 די קוזינקע = 12
4 דער פֿעטער = 73
5 דער פּלימעניק = 7
6 די באָבע = 88
7 דער זיידע = 91
8 די מאַמע = 59

Exercise 3

Label this illustration of Dovid's family tree with the appropriate terms (באָבע, זיידע, etc.). Label the relatives as seen from Dovid's point of view.



Dialogue 2

(CD1; 34)

Dovid has invited Khane and Rokhl to his house for Shabes. Rokhl tells Dovid and his Yiddish-speaking relatives about her family.

רחל	דאָס עסן איז אַזוי געשמאַק! דוד, איך פֿאַרשטיי פֿאַרוואָס דו האָסט ליב צו וווינען בײַ די עלטערן! זיי קאָכן זייער גוט.
באָבע	רחלע, וווּ וווינט דײַן משפּחה? זענען אַלע אין ניו־יאָרק?
רחל	טאַטע־מאַמע וווינען אין ניו־יאָרק, אָבער איך האָב אַן עלטערן ברודער אין פּאַריז, אַ ייִנגערן ברודער אין לאָס אַנדזשעלעס, און אַ ייִנגערע שוועסטער אין מאָנטרעאָל.
זיידע	עס איז זיכער שווער צו וווינען אַזוי ווײַט פֿון דער משפּחה.
רחל	ניין, פֿאַרקערט! עס איז אַ מחיה. איך קען באַזוכן דעם עלטערן ברודער ווען איך וויל אַ וואַקאַציע אין פּאַריז, און איך קען באַזוכן דאָס קליינע שוועסטערל ווען איך וויל אַ וואַקאַציע אין מאָנטרעאָל. און איך קען זען די עלטערן ווען איך בענק נאָך ניו־יאָרק.
באָבע	און באַזוכסטו דעם ייִנגערן ברודער אין לאָס אַנדזשעלעס?
רחל	חלילה! עס איז צו ווײַט, און מיר זענען שטענדיק ברוגז.
באָבע	עס איז נישט גוט צו זײַן ברוגז מיט דײַן ברודער! בלוט איז נישט קיין וואַסער!
רחל	אוי, עס איז שוין פֿינף אַ זייגער! איך מוז אַהיימגיין.

ROKHL	dos esn iz azoy geshmak! dovid, ikh farshtey farvos du host lib tsu voynen bay di eltern! zey kokhn zeyer gut.
BOBE	rokhele, vu voynt dayn mishpokhe? zenen ale in nyu-york?
ROKHL	tate-mame voynen in nyu-york, ober ikh hob an eltern bruder in pariz, a yingern bruder in los andzheles, un a yingere shvester in montreol.
ZEYDE	es iz zikher shver tsu voynen azoy vayt fun der mishpokhe.
ROKHL	neyn, farkert! es iz a mekhaye. ikh ken bazukhn dem eltern bruder ven ikh vil a vakatsye in pariz, un ikh ken bazukhn dos kleyne shvesterl ven ikh vil a vakatsye in montreol. un ikh ken zen di eltern ven ikh benk nokh nyu-york.
BOBE	un bazukhstu dem yingern bruder in los andzheles?

ROKHL	kholile! es iz tsu vayt, un mir zenen shtendik broygez.
BOBE	es iz nisht gut tsu zayn broygez mit dayn bruder! blut iz nisht keyn vaser!
ROKHL	oy, es iz shoyn finf a zeyger! ikh muz aheymgeyn.

ROKHL	*The food is so tasty! Dovid, I understand why you like to live with your parents! They cook really well.*
GRANDMOTHER	*Rokhele, where does your family live? Are [they] all in New York?*
ROKHL	*Mum and dad live in New York, but I have an older brother in Paris, a younger brother in Los Angeles, and a younger sister in Montreal.*
GRANDFATHER	*It must be difficult to live so far from your (literally: the) family.*
ROKHL	*No, the opposite! It's delightful. I can visit my (literally: the) older brother when I want a holiday in Paris, and I can visit my (literally: the) little sister when I want a holiday in Montreal. And I can visit my (literally: the) parents when I miss New York.*
GRANDMOTHER	*And do you visit your (literally: the) younger brother in Los Angeles?*
ROKHL	*God forbid! It's too far, and we're never on speaking terms.*
GRANDMOTHER	*It's not good not to be on speaking terms with your brother! Blood is thicker than water (literally: blood isn't water)!*
ROKHL	*Oh, it's already five o'clock! I have to go home.*

Vocabulary

food	*esn (dos), -s*	עסן (דאָס), ־ס
to cook	*kokhn*	קאָכן
diminutive of Rokhl	*rokhele*	רחלע [ראָכעלע]
parents	*tate-mame*	טאַטע־מאַמע (plural)
older	*elter*	עלטער

older (masculine accusative; see language point 4)	*eltern*	עלטערן
Paris	*pariz*	פּאַריז
younger	*yinger*	ייִנגער
younger (masculine accusative; see language point 4)	*yingern*	ייִנגערן
Los Angeles	*los andzheles*	לאָס אַנדזשעלעס
Montreal	*montreol*	מאָנטרעאָל
far	*vayt*	ווײַט
opposite; reversed	*farkert*	פֿאַרקערט
to visit	*bazukhn*	באַזוכן
holiday/vacation	*vakatsye (di), -s*	וואַקאַציע (די), -ס
to miss; to long for	*benken nokh*	בענקען נאָך
God forbid	*kholile*	חלילה [כאָלילע]
feuding; not on speaking terms	*broygez*	ברוגז [ברויגעז]
blood	*blut (dos), –*	בלוט (דאָס), –
already	*shoyn*	שוין
o'clock	*a zeyger*	אַ זייגער
to go home	*aheymgeyn*	אַהיימגיין

Proverb

בלוט איז נישט קיין וואַסער.
blut iz nisht keyn vaser.
Blood is thicker than water (literally: blood is not water).

Language points

4 The nominative and accusative cases

So far, we have learned that in Yiddish the definite article and adjectives have different shapes depending on the gender and number of the noun with which they are associated.

In addition, the definite article and adjectives may change their shape depending on what their associated noun is doing in the sentence. So far, most of the nouns, adjectives, and definite articles that we have seen have been functioning as the subject of the sentence. When a word functions as a subject, we say that it is in the 'nominative case'.

A word can also be the direct object of a sentence. This means that instead of doing the action of the verb, it is being directly affected by this action. For example, in the sentence דער ברודער עסט אַן עפּל (the brother eats an apple), דער ברודער is the subject because he is performing the action (eating), while אַן עפּל is the direct object because it is being eaten.

A word functioning as the direct object is said to be in the 'accusative case'. In Yiddish the definite article of masculine singular nouns changes from דער to דעם in the accusative.

Accusative		**Nominative**
אַן עפּל עסט **דעם** ברודער.	←	**דער** ברודער עסט אַן עפּל.
An apple eats the brother. (Not quite as common!)		The brother eats an apple.





If we add adjectives to our original sentence, we get:

Accusative		**Nominative**
אַן עפּל עסט **דעם** קלוגן ברודער.	←	**דער** קלוגער ברודער עסט אַן עפּל.
An apple eats the clever brother.		The clever brother eats an apple.

So not only the definite article, but also the adjective associated with a masculine singular noun changes. Usually the nominative ער- suffix changes to ן-, as in the above example. There are only a few exceptions to this:

1 The masculine singular accusative suffix of adjectives whose base form ends in ן is עם-.

Base form	Accusative		Nominative
שיין	**דעם**אָ שיינעם טאָג	←	**דער**וּאָ שיינער טאָג

2 The masculine singular accusative suffix of adjectives whose base form ends in ם *or* in a stressed vowel/diphthong is ען-.

Base form	Accusative		Nominative
(religious) פֿרום	**דעם**אָ פֿרומען מאַן	←	**דער**וּאָ פֿרומער מאַן
פֿרײַ	**דעם**אָ פֿרײַען מאַן		**דער**וּאָ פֿרײַער מאַן

3 The masculine singular accusative suffix of the adjective נײַ is exceptional: it ends in עם- instead of the expected ען-.

Accusative		Nominative
דעםאָ נײַעם סטודענט	←	**דער**וּאָ נײַער סטודענט

Definite articles and adjectives associated with feminine and neuter singular nouns, as well as with plural nouns of all genders, remain the same in the accusative, so you've learned everything there is to know about this case!

5 Telling the time

To ask what time it is in Yiddish, you say either:

וויפֿל איז דער זייגער? (literally: how much is the clock?) or:
ווי שפּעט איז? (literally: how late is [it]?)

The answer is:

עס איז ______ אַ זייגער (It's ______ o'clock.)

Example עס איז איינס אַ זייגער.
It's one o'clock.

Here are the other expressions that you need to be able to tell the time in Yiddish:

Example		**Expression**
11:05	פֿינף נאָך עלף	נאָך _______ _______ past
10:15	אַ פֿרעטל נאָך צען	אַ פֿערטל a quarter
7:30	האַלב אַכט	_______ האַלב half _______ **Note:** In Yiddish you look forward to the next hour, so האַלב אַכט means 7:30 rather than 8:30.
1:40	צוואַנציק פֿאַר צוויי צוואַנציק צו צוויי	צו/פֿאַר _______ _______ to
8:30	האַלב נײַן אין דער פֿרי	אין דער פֿרי in the morning
14:45	אַ פֿערטל צו דרײַ נאָך מיטאָג	נאָך מיטאָג in the afternoon
19:00	זיבן אַ זייגער אין אָוונט	אין אָוונט in the evening
00:30	האַלב איינס בײַ נאַכט	בײַ נאַכט at night האַלבע נאַכט midnight

Yiddish has no words for a.m. and p.m., so if you want to specify, just add אין דער פֿרי, etc.

Culture point

Shabes

Shabes, the Jewish Sabbath, starts just before sunset on Friday evening and lasts approximately 25 hours, until nightfall on Saturday night. Shabes is kept in various ways by Jews of different denominations and levels of observance. An Orthodox family like Dovid's observes Shabes in the traditional manner: women and girls say a blessing and light candles to mark the beginning of Shabes, and there is a short synagogue service followed by a Friday-evening meal in the home to which guests are commonly invited. The meal starts with blessings recited over wine and two loaves of חלה [כאַלע], braided egg bread, and includes traditional Ashkenazi food like chicken soup, kugel, and tsimes (see Unit 8 for details). In addition, זמירות [זמירעס], Hebrew and Aramaic songs, are often sung at the Shabes table. In the morning there is a longer synagogue service at which the week's פּרשה [פּאַרשע], Torah portion, is read. After synagogue there is another meal, often with guests and songs, and usually including cholent, a traditional Shabes dish of potatoes, beans, and meat that is made before Shabes and left to cook all Friday night. Activities classified as work according to Jewish law are prohibited on Shabes, which means that the rest of the day is usually spent relaxing, visiting friends, sleeping, or studying Jewish texts. Less observant Jews may keep some or all of these traditions to varying degrees, but food, friends, relaxation, and study are central Shabes themes for Jews across the denominations.

Exercise 4

Insert the correct forms of the definite article. Some require the nominative, while others require the accusative.

1 ד________ טאַטע האָט ליב ד____________ פּלימעניק.
2 ד ________ עלטערן קאָכן ד_____ ________ עסן.
3 ד____________ קינד זעט ד____________ באָבע אָפּט.
4 ד_ ____________ פּעטער און ד________ ________ זיידע זענען ברוגז.
5 ד____________ שוועסטער באַזוכט ד____________ ברודער.
6 ד____________ זיידע האָט ליב ד____________ אייניקל.

Exercise 5

Insert the correct nominative and accusative definite article and adjective suffixes into this excerpt from Khane's journal.

רחל האָט צוויי ברידער. זי האָט ליב ד_____ עלטער_____ ברודער,
אָבער זי האָט נישט אַזוי ליב ד_____ ייִנגער_____ ברודער. זי האָט
אויך אַ ייִנגער_____ שוועסטער. ד_____ שוועסטער האָט אַ קליינ_____
קינד. רחל האָט ליב צו באַזוכן איר קליינ_____ פּלימעניק. זי קויפֿט
שטענדיק אַ שיינ_____ בוך אָדער אַ ניי_____ פֿילם פֿאַר קינדער ווען
זי באַזוכט ד_____ שוועסטער, ד_____ פּלימעניק און ד... __
אַנדער_____ קרובֿים אין מאָנטרעאַל.

Exercise 6

Say what time it is in each of the following pictures.



Exercise 7 **(CD1; 35)**

Use the following list to say what Rokhl does at different times during the day.

Example גייט אין קלאַס 14:00 ← רחל גייט אין קלאַס צוויי אַ זייגער (נאָך מיטאָג).

1	טרינקט קאַווע (coffee)	8:00
2	שרײַבט היימאַרבעט	8:30
3	גייט אין ביכערקראָם	8:45
4	עסט וואַרעמעס (midday meal)	12:30
5	גייט אַהיים	18:45
6	עסט וועטשערע	19:20
7	גייט אין קינאָ	20:35
8	קומט צוריק פֿון קינאָ	22:10

Exercise 8

Write a paragraph in Yiddish describing what you do at different times of the day.

Supplementary text

(CD1; 36)

This is another Yiddish folktale which incorporates surprising logic.

זיבן און זיבן איז עלף

אַ מאַן גייט עסן וועטשערע אין אַ קרעטשמע. ווען ער ענדיקט עסן, פֿרעגט ער די בעל-הביתטע, "וויפֿל מוז איך באַצאָלן?"

די בעל-הביתטע זאָגט, "פֿלייש מיט בולבעס - זיבן גראָשן. ברויט - אויך זיבן גראָשן. צוזאַמען עלף גראָשן."

"דאָס איז נישט ריכטיק", זאָגט דער פֿרעמדער. "זיבן און זיבן איז פֿערצן, נישט עלף."

"ניין, דאָס איז ריכטיק", זאָגט די בעל-הביתטע. "ווייסטו פֿאַרוואָס? איך האָב פֿיר קינדער פֿון מײַן ערשטן מאַן. מײַן נײַער מאַן האָט אויך פֿיר קינדער פֿון פֿריער. מיר האָבן נאָך דרײַ קינדער צוזאַמען. דאָס הייסט אַז איך האָב זיבן קינדער און ער האָט זיבן קינדער, אָבער עס זענען דאָ עלף קינדער אין אונדזער הויז, נישט פֿערצן."

Unit Six

!דער קאָפּ טוט מיר וויי

My head hurts!

In this unit you will learn:

- parts of the body
- how to describe people
- how to talk about health, illness, and going to the doctor
- the dative case
- the impersonal pronoun מען/מע
- contractions with prepositions and the definite article in the accusative and dative
- the form of names in the accusative and dative
- about nouns that decline in the accusative and dative
- how to express possession

From now on there will be no English translations of the dialogues and no Roman transliteration of the dialogues or vocabulary lists. Don't worry; this is an achievement – you have progressed far enough in your study of Yiddish to manage without them!

Dialogue 1

(CD1; 38)
Rokhl is showing Dovid and Khane photos of a recent visit to New York and telling them about the friends that she saw there.

חנה   ווער איז דאָס מיידל מיט די בלאָנדע געקרײַזלטע האָר?

רחל   דאָס איז מײַן חבֿרטע אסתּר. זי איז אַ זשורנאַליסטקע. זי שרײַבט אין דעם ייִדישן "פֿאָרווערטס".

חנה זי האָט אַ שיינעם שמייכל. אוי, זי טראָגט אַ שיין פֿינגערל אויף דער לינקער האַנט.

רחל יאָ, זי גייט באַלד חתונה האָבן. זעט איר דעם בחור מיט דעם רונדן פּנים און דער רויטער באָרד? ער הייסט חיים. ער איז איר חתן.

דוד ווער איז דער הויכער מאַן מיט די ברוינע אויגן? ער האַלט אַ ווערטערבוך אין דער רעכטער האַנט. פֿאַרוואָס לייענט ער אַ ווערטערבוך אין רעסטאָראַן?!

רחל דאָס איז יוסף. ער איז פֿאַרליבט אין שפּראַכן. ער האָט שטענדיק עפּעס אַ ווערטערבוך אין דער האַנט. זעט איר די פֿרוי מיט דעם בלויען היטל אויף דעם קאָפּ? זי הייסט מרים. זי לערנט ייִדיש אין אַ שול. מע זאָגט אַז זי איז זייער אַ גוטע לערערקע.

חנה רחל, דאָס איז אַן אינטערעסאַנט בילד! דו טאַנצסט אויף אַ מסיבה.

רחל קוקט נישט אויף דעם בילד! עס איז שרעקלעך. איך קען נישט טאַנצן – איך האָב צוויי לינקע פֿיס!

Vocabulary

blond	בלאָנד
curly	געקרײַזלט
(female) friend	חבֿרטע [כאַווערטע] (די), -ס
Esther	אסתּר [עסטער]
(female) journalist	זשורנאַליסטקע (די), -ס
Forverts (Forward), a prominent weekly Yiddish newspaper based in New York	פֿאָרווערטס (דער)
smile	שמייכל (דער\דאָס), -ען
to wear; to carry	טראָגן
ring	פֿינגערל (דאָס), -עך
left	לינק
hand	האַנט (די), הענט
soon	באַלד
get married (see language point 3, Unit 14)	חתונה [כאַסענע] האָבן
boy; guy	בחור [באָכער] (דער), בחורים [באָכערים\באָכורים]
round	רונד

red	רויט
beard	באָרד (די), בערד
Chaim (man's name)	חיים [כאַיִם]
fiancé; groom	חתן [כאָסן] (דער), חתנים [כאַסאַנים]
tall; high	הויך
brown	ברוין
eye	אויג (דאָס), -ן
to hold	האַלטן
right	רעכט
Joseph	יוסף [יויסעף/יאָסעף]
in love	פֿאַרליבט (+ אין)
something; some kind of	עפּעס
blue	בלוי
hat	היטל (דאָס), -עך
head	קאָפּ
Miriam	מרים [מיריעם]
school (can also mean 'synagogue')	שול (די), -ן
one, they, you (see language point 2)	מע
party	מסיבה [מעסיבע] (די), -ות
to look	קוקן
terrible	שרעקלעך
foot; leg	פֿוס (דער), פֿיס

Additional vocabulary

ear	אויער (דער/דאָס), -ן
sidelock	פּאה [פּייע] (די), -ות
to hear	הערן
nose	נאָז (די), נעז
cheek	באַק (די), -ן
moustache	וואָנצעס (plural)
mouth	מויל (דאָס), מײַלער

tooth	צאָן (דער), ציין
tongue	צונג (די), צינגער
chin	גאָמבע (די), -ס
neck	נאַקן (דער), -ס
shoulder	אַקסל (דער), -ען
back	רוקן (דער), -ס
chest	ברוסט (די), בריסט
heart	האַרץ (דאָס), הערצער
stomach	בויך (דער), בײַכער
belly-button	פּופּיק (דער), -עס
arm	אָרעם (דער), -ס
elbow	עלנבויגן (דער), -ס
finger	פֿינגער (דער), –
knee	קני (דער\די), -\-ען

Language points

1 The dative case

We've already looked at the nominative case, which is used for the subject of a sentence, and the accusative, which is used for the direct object. There is only one case left, the dative. This case is used with indirect objects. As the name suggests, an indirect object is affected indirectly by the action of the verb, in contrast to the direct object, which directly suffers the effect of the action. Let's look at the example of the brother and the apple again:

דער ברודער עסט אַן עפּל.
The brother eats an apple.

Now let's say that we would like to know *how*, *when*, or *where* the brother eats the apple. We can elaborate and end up with something like this:

דער ברודער עסט אַן עפּל **אין אַ פּאַרק**.
The brother eats an apple **in a park.**

אַ פּאַרק is the indirect object that gives us this extra information, and therefore is in the dative case. You can also see that the indirect object follows אין, which is a preposition. (A preposition is a

word giving information about the position or relationship between two or more things. Other prepositions we've already seen include פֿון, מיט, אויף, and וועגן.) In Yiddish any noun following a preposition is considered an indirect object and so must be in the dative case.

As in the nominative and accusative, in the dative singular the definite article and adjective change. Again, in the plural there are no changes. Here is the complete table of the dative:

Masculine	אַ\דעם	־ן	רחל רעדט מיט **דעם** קלוג**ן** חבֿר.
Feminine	אַ\דער	־ער	רחל רעדט מיט **דער** קלוג**ער** חבֿרטע.
Neuter	אַ דעם	– ־ן	רחל רעדט מיט אַ קלוג מיידל. רחל רעדט מיט **דעם** קלוג**ן** מיידל.
Plural	־\די	־ע	רחל רעדט מיט **(די)** קלוג**ע** חבֿרים\חבֿרטעס\מיידלעך.

There are two important points to note here.

First, if you compare the article and adjective suffixes of the dative with those of the nominative and accusative you can see that the article and adjective always form a unit. Thus, whenever the article is דעם, the adjective ends in ־ן; this applies to the masculine accusative and dative as well as to the neuter dative. Similarly, whenever the article is דער, the adjective ends in ־ער; this applies to the masculine nominative and feminine dative (which may be confusing at first!).

Second, neuter adjectives have two different suffixes depending on whether they are preceded by the definite or indefinite article (just as they do in the other two cases).

Third, remember that regarding masculine and neuter dative adjectives taking the ־ן suffix, the same exceptions that we learnt in Unit 5 will apply, i.e. if the adjective ends in ן the suffix is ־עם, etc. For example:

דאָס מיידל מיט **דעם** שיינ**עם** שמייכל הייסט אסתּר.
The girl with the beautiful smile is called Esther.

Here is a summary chart of the articles and adjectives in all three genders and cases.

Dative	Accusative	Nominative	
דעם גוטן מאַן אַ גוטן מאַן		**דער** גוט**ער** מאַן אַ גוט**ער** מאַן	Masculine
דער גוט**ער** פֿרוי אַ גוט**ער** פֿרוי	**די** גוט**ע** פֿרוי אַ גוט**ע** פֿרוי		Feminine
דעם גוטן בוך	**דאָס** גוט**ע** בוך		Neuter
אַ גוט בוך			
(**די**) גוט**ע** מענער, פֿרויען, ביכער			Plural

In addition, a few verbs cause any following noun to go into the dative even without a preposition. The most common of these verbs are העלפֿן (help), געבן (give), זאָגן (say), and דערציילן (tell). The following examples show you how this works:

חנה העלפֿט <u>**דעם** קליינ**עם** קינד</u>.
Khane helps <u>the small child</u> (dative).

רחל דערציילט <u>**דער** סטודענטקע</u> וועגן דעם פֿילם.
Rokhl tells <u>the student</u> (dative) about the film.

The verbs געבן and דערציילן can additionally have a direct object. This is the thing that is given (e.g. a book, a present) or told (e.g. a story, a joke), as opposed to the person to whom it is given or told. The direct object is in the accusative case, as you would expect:

רחל דערציילט <u>**דער** סטודענטקע</u> <u>**די** מעשׂה</u>.
Rokhl tells <u>the student</u> (dative) <u>the story</u> (accusative).

2 The impersonal pronoun מען/מע

The impersonal pronoun מען, or the variant form מע, is equivalent to the English 'one', 'they', or 'you' when referring to a general, unspecified subject. It is very commonly used in Yiddish. You saw an example of it in Dialogue 1 when Rokhl said,

מע זאָגט אַז זי איז זייער אַ גוטע לערערקע.
They say/**one** says that she's a very good teacher.

מע|מען is always used with a third person singular verb. The two variants are interchangeable when appearing before the verb, as in:

מען הערט מיט די אויערן.
מע הערט מיט די אויערן.
One hears/you hear with the ears.

However, if the pronoun follows the verb (e.g. in a question), you have to use מען. Thus, in the following example only מען is correct; מע is not possible:

זאָגט **מען** אַז זי איז אַ גוטע לערערקע?
Do they/does one say that she's a good teacher?

Exercise 1

Insert the correct dative form of the definite article into the following sentences.

1 דוד רעדט מיט ד______ סטודענט.
2 דאָס מיידל האָט אַ פֿינגערל אויף ד______ האַנט.
3 מיר רעדן וועגן ד______ בוך.
4 רחל עסט וועטשערע מיט ד______ זשורנאַליסטקע.
5 חנה און דוד קוקן אויף ד______ בילד.
6 דער מאַן מיט ד______ באָרד איז מײַן קוזין.
7 איך העלף ד______ לערערקע.
8 רחל גיט ד______ חבֿרים די נײַע בילדער.

Exercise 2

Add the correct dative suffixes onto the definite articles and adjectives in the following sentences.

1 חנה שרײַבט מיט ד______ לינק______ האַנט.
2 מיר לייענען אַן אַרטיקל אין ד______ נײַ______ צײַטונג.
3 זעסטו דעם מאַן מיט ד______ בלאָנד______ באָרד?
4 דאָס מיידל מיט ד______ שיינ______ שמייכל הייסט אסתּר.
5 די פֿרוי מיט ד______ געקרײַזלט______ האָר איז אַ לערערקע.
6 רחל האָט ליב צו וווינען אין ד______ גרויס______ שטאָט.
7 דאָס קינד מיט ד______ רויט______ באַקן איז חנעוודיק [כֿײנעוודיק] (charming/cute).
8 חנה זיצט אָפֿט אין ד______ באַקוועמ______ שטוב.
9 דער בחור האַלט אַ בוך אין ד______ רעכט______ האַנט.

Exercise 3

Use the following pairs of words to make sentences saying what one does with different body parts. Use the impersonal pronoun מען|מע and the dative case when appropriate.

Example שרײַבן, האַנט ← מען|מע שרײַבט מיט דער האַנט.

1 רעדן, מויל
2 לייענען, אויגן
3 טראַכטן, קאָפּ
4 הערן, אויערן
5 לויפֿן, פֿיס
6 קײַען (chew), ציין
7 שמעקן (smell), נאָז

Dialogue 2

(CD1; 40)

Dovid is ill and tells Khane and Rokhl about his symptoms.

רחל דוד, דו זעסט אויס שרעקלעך! וואָס איז דער מער? ביסטו פֿאַרקילט? האָסטו אַ גריפּע?

דוד ניין, איך האָב אַ האַלדז אינפֿעקציע. איך האָב אַ פֿיבער, איך הוסט און ניס, איך בין אויסגעמוטשעט, און דער קאָפּ, דער האַלדז, און די לונגען טוען מיר וויי.

רחל איך ווייס פֿאַרוואָס דו ביסט קראַנק - דו פֿאַרגעסט שטענדיק צו נעמען דײַן מאַנטל! פֿאַרוואָס זיצסטו דאָ אין קאַפֿע? דו דאַרפֿסט ליגן אין בעט און טרינקען הייסע טיי!

חנה דו מוזסט גיין צום דאָקטער, אָדער אין שפּיטאָל! איך מיין אַז דו דאַרפֿסט אַנטיביאָטיק. איך האָב אַן אײַנפֿאַל! דו קענסט רעדן מיט מײַן טאַטן; ער איז אַ דאָקטער. ער קען דיר געבן אַ רעצעפּט.

רחל יאָ, דאָס איז אַ גוטער פלאַן! דוד, דו מוזסט גיין צו חנהס טאַטן; ער איז זייער אַ גוטער דאָקטער. אָדער דו קענסט טעלעפֿאָנירן בערלען, פֿון ייִדיש קורס. ער איז אויך אַ דאָקטער.

דוד ניין, איך דאַרף נישט גיין צום דאָקטער. איך האָב שוין אַנטיביאָטיק, אָבער איך נעם עס קיין מאָל נישט. דאָס איז די סיבה פֿאַרוואָס איך בין אַזוי קראַנק.

רחל דו נעמסט נישט דײַן מעדיצין?! פֿאַרוואָס?

דוד ווײַל די מעדיצין איז אין מײַן מאַנטל קעשענע, און מײַן מאַנטל איז אין דער היים!

Vocabulary

you look (like), seem (see language point 2, Unit 13)	זעסט אויס
to have a cold (literally: to be 'colded')	זײַן פֿאַרקילט
flu	גריפּע (די), -ס
infection	אינפֿעקציע (די), -ס
fever	פֿיבער (דער/דאָס), –
to cough	הוסטן
to sneeze	ניסן
exhausted	אויסגעמוטשעט
throat	האַלדז (דער), העלדזער
lung	לונג (די), -ען
to hurt (see idioms)	ווײ טאָן (+ dative)
coat	מאַנטל (דער), -ען
café	קאַפֿע (דער), -ען
hot	הייס
tea	טיי
to the (see language point 3)	צום = צו דעם
doctor	דאָקטער (דער), דאָקטוירים
hospital	שפּיטאָל (דער/דאָס), -ן/שפּיטעלער
antibiotic	אַנטיביאָטיק (דער), -ן
idea	אײַנפֿאַל (דער), -ן
father (dative; see language point 5)	טאַטן
to be able to (see language point 3, Unit 7)	קען ← קענען
to you (see language point 2, Unit 7)	דיר
prescription	רעצעפּט (דער), -ן
idea; plan	פּלאַן (דער), פּלענער
Khane's (see language point 6)	חנהס
to phone	טעלעפֿאָנירן
Berl (accusative/dative; see language point 4)	בערלען
course	קורס (דער), -ן
never (in conjunction with נישט/ניט)	קיין מאָל
reason	סיבה [סיבע] (די), -ות
medicine	מעדיצין (די), -ען
pocket	קעשענע (די), -ס

Idioms

What's the matter? What's wrong?	וואָס איז דער מער?
My ______ hurts (literally: the ______ hurts for me).	דער\די\דאָס ______ טוט מיר ווײ (singular).
My ______ hurt (literally: the ______ hurt for me).	די ______ טוען מיר ווײ (plural).

Language points

3 Contractions with prepositions and the definite article דעם in the accusative and dative

Many Yiddish prepositions can merge with the definite article דעם, and the resulting contractions are extremely common and acceptable in both the spoken and written language. This applies whether the noun associated with דעם is masculine or neuter, accusative or dative; however, it happens only with דעם, not with דער, די, or דאָס.

The contractions form according to three patterns. If the preposition ends in a consonant, דעם becomes ן-, as in the following contractions:

אויפֿן	←	אויף דעם
אונטערן	←	אונטער (under) דעם
איבערן	←	איבער (over) דעם
ביזן	←	ביז (until) דעם
דורכן	←	דורך (through) דעם
הינטערן	←	הינטער (behind) דעם
לויטן	←	לויט (according to) דעם
מיטן	←	מיט דעם
נאָכן	←	נאָך (after) דעם
פֿאַרן	←	פֿאַר (for; before) דעם
צוליבן	←	צוליב (because of) דעם

If the preposition ends in a vowel, דעם becomes ם-, as in:

בײַם	←	בײַ דעם
צום	←	צו דעם

If the preposition ends in ן, דעם becomes עם-, as in:

אינעם	←	אין דעם
אָנעם	←	אָן (without) דעם
פֿונעם	←	פֿון דעם

You don't have to start using these contractions now; just learn to recognize them and after a while you will naturally start to incorporate them into your own speech and writing.

4 Names in the accusative and dative

The definite article and adjectives are not the only types of words that change their shape in the accusative and dative; people's names change too. When a person's name is the direct or indirect object of a verb, you have to add a special accusative/dative suffix to it. Usually this suffix is ן-, as in:

דאָס איז אסתּר; איך קען אסתּרן.
This is Esther; I know Esther.

This ן- is added directly to *loshn-koydesh* names ending in ה, which might look a bit strange at first but makes sense when you remember that the ה in such names sounds like ע, so the resulting form isn't hard to pronounce:

דאָס איז חנה; איך קען חנהן [כאַנען].
This is Khane; I know Khane.

However, when a name ends in ם, ן, consonant + ל, or a stressed vowel or diphthong, the suffix is ען-, as in:

דאָס איז חיים; איך קען חיימען.
This is Chaim; I know Chaim.

דאָס איז שמעון [שימען]; איך קען שמעונען.
This is Shimen (Simon); I know Shimen.

דאָס איז בערל; איך קען בערלען.
This is Berl; I know Berl.

The suffix is not used in negative sentences with קיין; as in:

קענסטו בערלען? ניין, איך קען נישט קיין בערל.
Do you know Berl? No, I don't know (any) Berl.

However, it is used in negative sentences without קיין, e.g.:

איך קען נישט בערלען.
I don't know Berl.

5 Nouns that decline in the accusative and dative

Although most nouns don't change their shape according to case, the following five masculine nouns do take a suffix in the singular accusative and dative. This suffix is ן-, the same as the accusative/dative suffix for people's names. In the case of two nouns, טאַטע and זיידע, the final ע disappears when the suffix is added.

1	טאַטע		← טאַטן
2	זיידע		← זיידן
3	רבי [רעבע]	rebbe (see culture point)	← רבין [רעבן]
4	ייִד		← ייִדן
5	מענטש		← מענטשן

In the case of מענטש and ייִד, this suffixed singular accusative/dative form looks the same as the plural form. However, context will always help you distinguish the two, because the singular form will be preceded by דעם or אַ and any associated adjectives will be in the singular accusative/dative.

Feminine and neuter nouns, like feminine and neuter definite articles and adjectives, don't change their shape in the accusative. However, the following three feminine nouns get this ן- suffix in the dative:

1	מאַמע	← מאַמען
2	מומע	← מומען
3	באָבע	← באָבען

Finally, one neuter noun, האַרץ, sometimes takes the suffix in the dative, but only when being used in a metaphorical sense, as in:

מיטן גאַנצן האַרצן
wholeheartedly (literally: with the whole heart)

6 Possession with ס- and the dative

It is often possible to express possession in Yiddish with פֿון, equivalent to English 'of', as in:

> די מעדיצין איז אין דער קעשענע **פֿון** דעם מאַנטל.
> The medicine is in the pocket **of** the coat.

However, when the possessor is human, it is much more common to express the possessive relationship by suffixing ס- to the word or name referring to him or her. This is very similar to the English possessive construction with 's:

> דאָס איז אסתּר**ס** חתן.
> This is Esther**'s** fiancé.

If the word suffixed by ס- is preceded by a definite article and/or adjective, these will be in the dative:

> רחל איז **דער** גוט**ער** לערערקע**ס** פֿרײַנד.
> Rokhl is the good teacher's friend.

In the case of the five masculine nouns that take a ן- suffix in the accusative and dative, the possessive ס- is added to the ן-, as in:

> דאָס איז דעם זיידנ**ס** בוך.
> That's the grandfather's book.

However, this does not apply to people's names, nor to the feminine and neuter nouns that decline in the accusative and dative; in such instances the ן- suffix is *not* added before the ס- possessive suffix:

> דאָס איז דער מומע**ס** בוך.
> This is the aunt's book.

> דאָס איז רחל**ס** בוך.
> This is Rokhl's book.

Culture point

Rebbe

The word רבי (rebbe) has two different meanings: the first is the title by which children address the melamed, or teacher in a cheder,

a traditional Jewish school; the second, and more frequent, is a Hasidic spiritual leader. The founder and first rebbe of the Hasidic movement, the Ba'al Shem Tov, lived ca. 1698–1760. After his death, Hasidism split into various dynasties, each centred around its own rebbe and named after its place of origin in Eastern Europe. Prominent Hasidic dynasties today include Belz, Braslav, Bobov, Ger, Lubavitch (also known as Chabad), and Satmar. Particularly well-known Hasidic rebbes include Nahman of Braslav (1772–1810), who was the Ba'al Shem Tov's great-grandson and author of a collection of allegorical tales in Yiddish and Hebrew, and the last Lubavitcher Rebbe, Menachem Mendel Schneerson (1902–1994), whose Yiddish talks and writings are studied by Jews around the world.

Exercise 4

Insert the correct dative form of the definite article in the following sentences. Whenever possible, rewrite the sentence using contractions of the preposition and definite article. Use the glossary to find the gender of new words if necessary.

1 דוד גייט נישט צו ד_____ דאָקטער.
2 קענסטו שרײַבן אויף ייִדיש מיט ד_____ קאָמפּיוטער (computer)?
3 אסתּר אַרבעט בײַ ד_____ "פֿאָרווערטס".
4 איך פֿאַרשטיי נישט די ווערטער פֿון ד_____ ליד.
5 די סטודענטן אויף ד_____ קורס זענען אינטערעסאַנט.
6 האָסטו גערעדט מיט ד_____ שוועסטער?
7 רחל האָט ליב דאָס עסן אין ד_____ רעסטאָראַן.

Exercise 5

Answer the following questions based on information from the dialogues. Remember to add the accusative/dative suffix to names as appropriate.

1 װעמען זעט חנה אין רחלס בילדער?
2 מיט װעמען גייט אסתּר חתונה האָבן?
3 מיט װעמען עסט רחל װעטשערע אין רעסטאָראַן?
4 װער האָט שטענדיק אַ װערטערבוך אין דער האַנט?
5 װער האָט צװיי לינקע פֿיס?
6 מיט װעמען רעדט דוד אין קאַפֿע?

Exercise 6

Insert the correct form of the definite article into the following sentences and add the accusative/dative suffix to any nouns that require it. Some of the words may need to be rewritten, as their base changes slightly when the suffix is added.

1 חנה רעדט מיט ד____ טאַטע____.
2 רחל לייענט אַ בוך וועגן ד____ ליובאַוויטשער רבי____.
3 דאָס איז אַ בילד פֿון ד____ מומע____.
4 קענסטו ד____ זיידע____?
5 דוד העלפֿט ד____ באָבע____.
6 איך זע ד____ מאַמע____.

Exercise 7

Use the prompts provided to answer the following questions using possessive constructions.

Example וועמענס (whose) בוך איז דאָס? (די מאַמע) ← דאָס איז דער מאַמעס בוך.

1 וועמענס מאַנטל איז דאָס? (דוד)
2 וועמענס פֿינגערל איז דאָס? (אסתּר)
3 וועמענס חבֿר איז דאָס? (דער בחור)
4 וועמענס בילדער זענען זיי? (די לערערקע)
5 וועמענס טאַטע איז אַ דאָקטער? (חנה)
6 וועמענס דירה איז צו קליין? (רחל)
7 וועמענס קאָמפּיוטער איז דאָס? (די זשורנאַליסטקע)
8 וועמענס ווערטערבוך איז דאָס? (דער סטודענט)

Supplementary text

(CD1; 42)

This is a famous legend about Rabbi Judah Loew of Prague (ca. 1525–1609; also known by the acronym 'the Maharal'), who created a golem, or clay man, and used magic to bring him to life so that he could help protect the Jews of Prague from anti-Semitic attacks. Check the glossary for the meaning of new vocabulary and for the pronunciation of unfamiliar *loshn-koydesh* words.

דער גולם פֿון פּראָג

די ייִדן פֿון פּראָג לעבן אין אַ גרויסער סכּנה. דער מהר"ל* זעט אין אַ חלום אַז ער מוז מאַכן אַ גולם כּדי צו העלפֿן באַשיצן די ייִדן פֿון דער סכּנה. ער רופֿט זײַן איידעם און זײַן גוטן תּלמיד און דערציילט זיי אַז זיי מוזן אים העלפֿן מאַכן דעם גולם. זיי גייען צום טײַך און נעמען ליים. זיי בויען אַ פֿיגור פֿונעם ליים. די פֿיגור זעט אויס ווי אַ מענטש וואָס ליגט אויפֿן רוקן. זיי שפּאַצירן אַרום דער פֿיגור זיבן מאָל און מורמלען כּישוף-ווערטער. דער גוף פֿונעם גולם ווערט פֿול מיט האָר. נעגל וואַקסן אויף די פֿינגער און ברעמען וואַקסן איבער די אויגן. זיי זאָגן אַ פּסוק פֿון תּנ"ך און דער גולם עפֿנט[†] די אויגן. ער קוקט אויף אַלץ מיט וווּנדער. דער רבֿ זאָגט דעם גולם, "איצט מוזסטו אויפֿשטיין!" און דער גולם שטייט אויף.[‡] זיי גיבן דעם גולם קליידער און שיך.[§] ער זעט אויס פּונקט ווי אַן אמתער מענטש. ער זעט, הערט, און פֿאַרשטייט אַלץ, אָבער ער רעדט נישט. דער גולם העלפֿט די ייִדן פֿון פּראָג און באַשיצט זיי פֿון סכּנה. ווען דער מצבֿ פֿון די ייִדן ווערט בעסער, גייט דער רבֿ מיט זײַן איידעם און זײַן תּלמיד צום גולם ווען ער שלאָפֿט. זיי שטייען בײַם קאָפּ פֿונעם גולם און גייען אַרום אים זיבן מאָל. זיי מורמלען די כּישוף-ווערטער נאָך אַ מאָל, נאָר פֿאַרקערט, און דער גולם ווערט ווידער אַ שטיקל ליים.

* According to Hebrew and Yiddish spelling convention, the symbol " is placed before the last letter of acronyms.

† infinitive עפֿענען. This verb is slightly irregular in that the second ע of the base disappears in all forms except the infinitive and first and third person plural of the present tense.

‡ third person singular present tense of אויפֿשטיין (see language point 2, Unit 13)

§ plural of שוך

Unit Seven

דאָס שוואַרצע העמד זעט אויס שיין!

The black shirt looks nice!

In this unit you will learn:

- how to give orders and make requests
- how to talk about clothes and describe what someone is wearing
- the colours
- the imperative
- pronouns in the accusative and dative
- modal verbs in the present tense
- how to use the definite article instead of possessive adjectives

Dialogue 1

(CD1; 44)

Rokhl is moving to a new flat. She invites Khane over to try on some of her clothes because she wants to give them away before she moves.

רחל　חנה, זיץ דאָ און נעם די קליידער. לאָמיר זען וואָס פּאַסט דיר.

חנה　ביסטו טאַקע זיכער אַז דו ווילסט מיר געבן אַזוי פֿיל קליידער?

רחל　יאָ, איך וויל זיי נישט נעמען אין דער נײַער דירה. נו, שעם זיך נישט! טו אָן די געלע ספּודניצע מיט די גרינע פּאַסן.

חנה　נו . . . איך בין נישט זיכער. די קאָלירן זענען אַ ביסל צו שטאַרק פֿאַר מיר. אפֿשר קען איך אָנטאָן דאָס גרויע קליידל.

רחל　וואָס זשע רעדסטו! דאָס קליידל איז אַזוי מיאוס! איך דאַרף עס אַרויסוואַרפֿן. טו אָן די ראָזע בלוזקע מיט די גרויסע קנעפּ. און נעם די ווײַסע שטיוול אָדער די בלויע סאַנדאַלן. דו קענסט זיי טראָגן צוזאַמען.

חנה נו . . . איך ווייס נישט. איך האָב נישט אַזוי ליב ראָזע.

רחל וואָס איז מיט דיר? האָסטו נישט ליב שיינע קליידער? ווילסטו נאָר טראָגן אַלטמאָדישע, טונקעלע שמאַטעס? טו אָן דאָס אָראַנזש שאַליקל און די לילאַ ספּודניצע מיטן רויטן רימען!

חנה וואַרט, דאָס שוואַרצע העמד מיט די לאַנגע אַרבל זעט אויס שיין. אפֿשר קען איך עס נעמען. איך האָב אַזאַ העמד אין דער היים, אָבער איך קען עס שוין אַ לאַנגע צײַט נישט געפֿינען.

רחל אוי, דאָס איז טאַקע דײַן העמד! איך פֿאַרגעס שטענדיק אַז איך מוז דיר צוריקגעבן!

Vocabulary

sit (see language point 1)	זיץ
take (see language point 1)	נעם
let's (see language point 1)	לאָמיר
to fit; to suit	פּאַסן (+ dative)
so; well; come on	נו
to be embarrassed (see language point 1; see language point 4, Unit 12, for verbs with זיך)	שעם זיך ← שעמען זיך
to put on (see language point 2, Unit 13)	טו אָן ← אָנטאָן
yellow	געל
skirt	ספּוֹדניצע (די), -ס
green	גרין
stripe	פּאַס (דער), -ן
colour	קאָליר (דער), -ן
strong	שטאַרק
grey	גרוי
dress	קליידל (דאָס), -עך
so (follows question words like ווען ,ווי, ווער, or imperatives; when following וואָס the two words are pronounced together as [וואָזשע])	זשע
throw out	אַרויסוואַרפֿן
pink	ראָזע
blouse	בלוזקע (די), -ס
button	קנאָפּ (דער), קנעפּ

white	ווײַס
boot	שטיוול (דער), -
sandal	סאַנדאַ̄ל (דער), -ן
old-fashioned	אַלטמאָדיש
dark	טונקל
rag; old clothes	שמאַטע (די), -ס
orange (doesn't decline)	אָראַ̄נזש
scarf	שאַ̄ליקל (דאָס), -עך
purple (doesn't decline)	לילאַ
belt	רימען (דער), -ס
wait (see language point 1)	וואַרט
shirt	העמד (דאָס), -ער
sleeve	אַרבל (דער), -
such a	אַזאַ̄
to find	געפֿינען
to give back	צוריקגעבן

Idioms

What's wrong with you? (literally: what's with you?) — וואָס איז מיט דיר?

What are you talking about? (literally: so what are you talking?) — וואָס זשע [וואָזשע] רעדסטו?

Language points

1 The imperative

If you want to tell someone to do something in Yiddish, you use a special form of the verb called the imperative. The imperative can be used for commands as well as polite requests.

The imperative has two forms, a singular (for giving commands to one person) and plural (for giving commands to more than one person, or when speaking formally to one person). Both forms are very easy to make.

The singular imperative is identical to the first person singular present tense form, which you already know. In most cases this also happens to be the same as the base of the verb. Here are a few examples from Dialogue 1:

Singular imperative		Infinitive
זיץ!	←	זיצן
וואַרט!	←	וואַרטן
נעם!	←	נעמען

However, in the case of irregular verbs, the first person singular present tense form, and therefore the singular imperative, might look a bit different from the base of the verb, as in:

Singular imperative		Base	Infinitive
גיב!	←	געב-	געבן

There is only one exception to this: the imperative of זײַן is זײַ.

To form the plural (or polite singular) imperative, take the singular imperative and add ט-. (The resulting form happens to be the same as the second person plural present tense form.)

Plural imperative		Singular imperative
זיצט!	←	זיץ!
נעמט!	←	נעם!
זײַט!	←	זײַ!

However, if the singular imperative already ends in ט, don't add another:

Plural imperative		Singular imperative
וואַרט!	←	וואַרט!

If you want to make an imperative sound polite, you can put ביטע (please) or the phrase זײַ אַזוי גוט (singular) or זײַט אַזוי גוט (plural) before it. זײַ/זײַט אַזוי גוט literally means 'be so good', but is another way of saying 'please'.

To negate an imperative, put נישט/ניט directly after it, as in:

וואַרט **נישט**!	←	וואַרט!
Don't wait!		Wait!

As well as telling someone else to do something, you can suggest that you and the listener(s) do something together. These Yiddish 'first person

commands' are the equivalent of the English 'let's', as in 'let's go', 'let's try', etc. They are formed by the word לאָמיר (let's) plus an infinitive. You saw an example of this construction in Dialogue 1 when Rokhl said,

לאָמיר זען וואָס פאַסט דיר.
Let's see what suits you.

If you want to negate a first person command, put נישטוניט between לאָמיר and the infinitive, as in:

לאָמיר גיין.	←	לאָמיר **נישט** גיין.
Let's go.		Let's **not** go.

2 Pronouns in the accusative and dative

You've already learned the pronouns in the nominative case (איך, דו, etc.). Just like the definite article and adjectives, pronouns decline in the accusative and dative. The accusative and dative forms of the pronouns are used in the same contexts as the articles and adjectives: the accusative form is used for direct objects and the dative for indirect objects (following a preposition or a verb like געבן or העלפֿן).

Here is the complete chart of pronouns in the nominative, accusative, and dative:

<table>
<tr><th>Dative</th><th>Accusative</th><th>Nominative</th><th></th></tr>
<tr><td>מיר</td><td>מיך</td><td>איך</td><td>1st person singular</td></tr>
<tr><td>דיר</td><td>דיך</td><td>דו</td><td>2nd person singular</td></tr>
<tr><td colspan="2">אים</td><td>ער</td><td>3rd person masculine singular</td></tr>
<tr><td>איר</td><td colspan="2">זי</td><td>3rd person feminine singular</td></tr>
<tr><td>אים</td><td colspan="2">עס</td><td>3rd person neuter singular</td></tr>
</table>

<table>
<tr><td colspan="2">אונדז</td><td>מיר</td><td>1st person plural</td></tr>
<tr><td colspan="2">אײַך</td><td>איר</td><td>2nd person plural</td></tr>
<tr><td colspan="3">זיי</td><td>3rd person plural</td></tr>
</table>

You can see that only the first and second person singular pronouns have three different forms; in the others the accusative and dative (or sometimes nominative and accusative) forms are the same. The third person plural remains the same in all three cases.

In a sentence with a main verb and infinitive, if there is a pronoun in the accusative or dative it must go before the infinitive. This word order is different from that of sentences where the object is not a pronoun; in such sentences the object goes after the infinitive. It is also different from English, so take special note of it. Here's an example:

רחל גייט זען **אירע חבֿרים**.	←	רחל גייט **זיי** זען.
Rokhl goes to see **her friends.**		Rokhl goes to see **them.**

Exercise 1

Insert the correct form of the imperative or first person command based on the infinitive in brackets.

1 רחל און דוד, ______ [דערציילן] די מעשׂה!
2 חנה, ______ ______ [נעמען] די קליידער!
3 ווילסטו גיין מיט מיר אין רעסטאָראַן? יאָ, ______ ______ [גיין]!
4 דוד, ______ [געבן] מיר דאָס ווערטערבוך!
5 וואָס קענען מיר טאָן? ______ ______ ______ [זען] אַ פֿילם!
6 אסתּר און חיים, ______ [קומען] מיט מיר!
7 מרים, ______ ______ [לייענען] דעם אַרטיקל!
8 נו, ______ ______ ______ [מאַכן] די היימאַרבעט צוזאַמען!

Exercise 2

Insert the correct form of the pronoun based on the nominative form in brackets.

אסתּר וווינט אין ניו־יאָרק. זי בענקט נאָך רחלען און רעדט מיט ______
[זי] אָפֿט אויפֿן טעלעפֿאָן. זי זאָגט, "רחל, דײַנע חבֿרים בענקען נאָך ______
[דו] און ווילן ______ ______ [דו] זען! קום צוריק צו ______ [מיר]!" רחל
ענטפֿערט, "איך בענק נאָך ______ [איר] אויך, אָבער איך האָב ליב
לאָנדאָן! איר קענט ______ [איך] באַזוכן דאָ! איר קענט טרעפֿן מײַנע
חבֿרים וואָס וווינען אין לאָנדאָן, און אַפֿילו רעדן ייִדיש מיט ______ [זיי]!"

Dialogue 2

(CD1; 46)

Dovid has invited Khane and Rokhl to his brother's wedding, and is telling them who the guests are.

דוד זעט איר דעם מאַן מיט דער גרינער יאַרמלקע און די גרויע הויזן? ער איז דער פֿעטער יאַנקל. ער קען ייִדיש. איר מוזסט רעדן מיט אים שפּעטער; ער קען אײַך דערציילן זייער אינטערעסאַנטע מעשׂיות.

רחל ווער איז דער מאַן וואָס טראָגט אַ שוואַרץ היטל און אַ לאַנגע קאַפּאָטע?

דוד דאָס איז דער כּלהס ברודער, אריה-לייב. ער איז אַ חב״דניק.

חנה קומט די כּלה פֿון אַ חסידישער משפּחה? איך זע נישט קיין אַנדערע חסידים דאָ.

דוד ניין, נאָר דער ברודער איז אַ חסיד; די אַנדערע זענען נישט אַזוי פֿרום. זעט איר דעם מאַן מיט די ברילן און די ברוינע שיך? ער איז דער כּלהס שוועסטערקינד. ער איז אַ זינגער און קען אַ סך ייִדישע לידער. ווילט איר רעדן מיט אים?

רחל יאָ . . . אָבער איין סעקונדע. זעסטו דעם מאַן וואָס טראָגט הענטשקעס און אַ שוואַרץ רעקל? ער קוקט אויף אונדז און זעט אויס זייער בייז. קענסטו אים?

דוד אוי וויי! דאָס איז דער פֿעטער יצחק. ער איז הײַנט געקומען פֿון אויסטראַליע און איך האָב פֿאַרגעסן אים אָפּנעמען פֿון פֿליפֿלאַץ! גיך, לאָמיר אַוועקגיין! איך וויל נישט רעדן מיט אים ווען ער איז אַזוי אין כּעס!

Vocabulary

kippa, yarmulke, skullcap	יאַרמלקע (די), -ס
trousers	הויזן (plural)
Yankl (man's name)	יאַנקל
later	שפּעטער
story	מעשׂה [מײַסע] (די), מעשׂיות [מײַסעס]
long coat often worn by Hasidic men	קאַפּאָטע (די), -ס
bride	כּלה [קאַלע] (די), -ות
Aryeh (man's name)	אריה [אַריע]
Leyb (man's name)	לייב
Chabadnik, follower of the Lubavitch Hasidic movement	חב״דניק [כאַבאַדניק] (דער), -עס

Hasidic	חסידיש [כסידיש]
Hasid	חסיד [כאָסיד] (דער), ־ים [כסידים]
second	סעקונדע (די), ־ס
glove	הענטשקע (די), ־ס
jacket	רעקל (דאָס), ־עך
angry	בייז
oh dear; oh no!	אוי ווײ
Isaac	יצחק [ייִצכאָק]
he came (see language point 1, Unit 9)	ער איז געקומען
I forgot (see language point 1, Unit 8; see language point 1, Unit 12, for explanation of this type of verb)	איך האָב פֿאַרגעסן
to pick up (see language point 2, Unit 13)	אָפּנעמען
airport	פֿליפֿלאַץ (דער), פֿליפֿלעצער
to go away (see language point 2, Unit 13)	אַוועקגיין
angry (literally: in anger) (synonym of בייז)	אין כּעס [קאַס]

Additional vocabulary

sock	זאָק (דער\די), ־ן
suit	קאָמפּלעט (דער), ־ן
shtreimel, fur hat worn by some Hasidic men on Shabes and at festivals	שטרײַמל (דאָס\) ־עדוען
tie	שניפּס (דער), ־ן
sock (synonym of זאָק)	שקאַרפּעטקע (די), ־ס
shoelace	שנורעוואַדלע (די), ־ס
tights	שטרימפּ (plural)
tallit, Jewish prayer-shawl	טלית [טאַלעס] (דער), ־ים [טאַלייסים]

Language points

3 Modal verbs

There are seven verbs in Yiddish that belong to a special category called 'modal'. Modal verbs behave differently from other verbs in the present tense because the third person singular does not end in ט-; instead, it looks like the first person singular.* You saw an example of this in Dialogue 2:

> ער **קען** רעדן ייִדיש.
> He **can** speak Yiddish.

Here are the seven modal verbs:

have to; need to	דאַרפֿן
want	וועלן
should	זאָלן
must	מוזן
be permitted	מעגן
not be permitted	נישט טאָרן
can; be able to; know (a person or skill)	קענען

All of the modal verbs except וועלן conjugate like regular verbs in all but the third person singular. Use this table of the present tense conjugation of מוזן as a model for the other modal verbs:

Plural		Singular	
מיר מוזן	1st person plural	איך מוז	1st person singular
איר מוזט	2nd person plural	דו מוזסט	2nd person singular
זיי מוזן	3rd person plural	ער/זי/עס מוז	3rd person singular

Just remember that קענען has an infinitive ending in ען-, so this will disappear in all but the first and third person plural, e.g. ער קען.

By contrast, וועלן is irregular, as its stem vowel changes from ע to י in all present tense forms. Here is the complete present tense conjugation of וועלן:

* Modal verbs have one more special characteristic, discussed in language point 6, Unit 11.

Plural		Singular	
מיר ווילן	1st person plural	איך וויל	1st person singular
איר ווילט	2nd person plural	דו ווילסט	2nd person singular
זיי ווילן	3rd person plural	ער\זי\עס וויל	3rd person singular

You can see that many of these verbs closely resemble their English counterparts. Indeed, English also has a category of modal verbs, and many of the Yiddish modal verbs are modal in English as well. For example, in English you say 'he can', not 'he cans'. However, not all of the same verbs are modal in both languages – in Yiddish וועלן is modal, so the third person singular is ער\זי וויל, but in English 'to want to' is not modal, so the third person singular is 'he/she wants to'.

Finally, note that ניש טאָרן is used only in the negative, e.g.:

מע **טאָר נישט** פֿאַרגעסן צו טראָגן אַ מאַנטל!
One/you mustn't forget to wear a coat!

4 Using the definite article instead of possessive adjectives

When talking about family members and parts of the body, it is very common in Yiddish to use the definite article instead of possessive adjectives as long as the context makes it clear who the possessor is. For example, in Dialogue 2 Dovid said,

דאָס איז **דער** פֿעטער יצחק.
That's my (literally: the) uncle Yitskhok.

The definite article can be substituted for any of the possessive adjectives, depending on the context. In a question, you can guess that it is replacing דײַן\דײַנע or אײַער\אײַערע because this is the most natural assumption:

וואָס מאַכט **דער** פֿעטער, דוד?
How's your (literally: the) uncle, Dovid?

If the context is ambiguous and you want to avoid confusion, use the possessive adjective, which has the effect of adding emphasis:

זײַן פֿעטער רעדט ייִדיש, אָבער **מײַן** פֿעטער נישט.
His uncle speaks Yiddish, but ***my*** uncle doesn't.

Exercise 3

Read this excerpt from Khane's journal and insert the correct form of the modal verbs based on the infinitives in brackets. Check the glossary for unfamiliar words.

דוד ______ (קענען) רעדן זייער גוט ייִדיש, אָבער ער ______ (וועלן)
פּראַקטיצירן מער. רחל זאָגט, "דו ______ (מוזן) פֿאָרן קיין
ניו־יאָרק! דו ______ (קענען) רעדן דאָרט אַ סך ייִדיש." דוד זאָגט,
"איך ______ (וועלן) פֿאָרן קיין ניו־יאָרק, אָבער איך האָב נישט גענוג
געלט." רחל זאָגט צו דוד ______ (מוזן) שפּאָרן געלט. זי זאָגט,
"דו ______ (נישט דאַרפֿן) קויפֿן אַזוי פֿיל ביכער. דו ______
(קענען) נעמען ביכער פֿון ביבליאָטעק, כּדי דו ______ (זאָלן) נישט
קויפֿן אַזוי פֿיל. ווען דו קויפֿסט נישט אַזוי פֿיל ביכער, ______
(קענען) דו פֿאָרן קיין ניו־יאָרק!"

Exercise 4

Look at this picture of Dovid and Rokhl and describe what they're wearing.



Exercise 5

Use the clues below to solve this crossword puzzle featuring Yiddish clothes vocabulary.



←

1 אַ העמד האָט צוויי פֿון זיי
3 מע טראָגט עס אויפֿן האַלדז
5 מע טראָגט זיי אונטער די שיך
6 מע טראָגט זיי אויף די הענט
8 מע טראָגט זיי אויף די פֿיס ווען עס איז הייס

↓

2 זיי העלפֿן די אויגן
3 מע טראָגט זיי אויף די פֿיס
4 אַ לאַנגער, שוואַרצער מאַנטל
6 מע טראָגט עס אויפֿן קאָפּ
7 זיי זענען רונד און קליין

Supplementary text

(CD1; 48)

This is a legend about an encounter between the parents of the Ba'al Shem Tov (the founder of Hasidism) and the biblical prophet Elijah, who according to Jewish tradition returns to earth to help people in need.

די עלטערן פֿונעם בעל־שם־טובֿ און אליהו הנבֿיא

אין אַ קליין שטעטל לעבט אַ מאַן מיט זײַן פֿרוי. זיי זענען שוין זייער אַלט, אָבער זיי האָבן נישט קיין קינדער. איין ערבֿ־שבת קומט אַן אָרעמאַן צו זייער טיר. ער טראָגט אַן אַלט, שמוציק ווײַס העמד, אַ צעריסענע שוואַרצע קאַפּאָטע, צעריסענע הויזן, אַלטע ברוינע שטיוול וואָס זענען פֿול מיט לעכער*, און אַ היטל וואָס איז פֿול מיט לאַטעס. אָבער דאָס פּאָרפֿאָלק קוקט נישט אויף די אַלטע, שמוציקע קליידער. זיי בעטן דעם אָרעמאַן ער זאָל קומען אין שטובֿ. זיי גיבן אים אַ רײַכע, געשמאַקע וועטשערע און אַ וואַרעם בעט.
מוצאי־שבת גיבן זיי אים עסן און געלט צו נעמען מיט זיך אויפֿן וועג. ווען דער אָרעמאַן שטייט שוין בײַ דער טיר, זאָגט ער, "איך בין אליהו הנבֿיא. איך זע אַז איר זײַט איידעלע מענטשן. איר גיט מיט אַ ברייט, אָפֿן האַרץ. איר וועט† באַלד געבוירן אַ זון וואָס וועט באַלײַכטן די וועלט." און דער זון וואָס ווערט געבוירן איז דער בעל־שם־טובֿ.

* plural of לאַך

† 'will' (future tense; see language point 1, Unit 10)

Unit Eight

דו האָסט נישט געגעסן די געפֿילטע פֿיש!

You didn’t eat the gefilte fish!

In this unit you will learn:

- how to talk about food and cooking
- how to talk about things you’ve done in the past
- the past tense formed with האָבן
- the expression מיט ... צוריק (ago)
- ordinal numbers 1–100
- about traditional food of the Yiddish-speaking world

Dialogue 1

(CD1; 50)

Rokhl’s friend Esther has come to visit from New York and Rokhl has invited Dovid and Khane to her flat for dinner so that they can all get to know each other. Esther wants to help Rokhl with the cooking, but Rokhl refuses the offer.

אסתּר — רחל, דו האָסט געזאָגט אַז דו דאַרפֿסט נישט קיין הילף אין קיך,
אָבער ביסטו זיכער? האָסטו שוין טאַקע אַלץ געגרייט?

רחל — יאָ, איך האָב כּמעט געענדיקט. איך האָב געשטעלט די בולבעס אין
אויוון מיט אַ שעה צוריק, און איך האָב געקאָכט די זופּ.

אסתּר — אפֿשר קען איך שנײַדן גרינסן אָדער מאַכן אַ סאַלאַט?

רחל — ניין, אַ דאַנק. איך האָב שוין געגרייט די גרינסן און געמאַכט
דעם סאַלאַט. איך האָב אויך געקויפֿט אַ שאָקאָלאַד קוכן און אַ
פֿלעשל ווײַן.

אסתּר איך האָב נישט געוווּסט אַז דו ביסט אַזאַ בעל-הביתטע! איך האָב געמיינט אַז דו קענסט בכלל נישט קאָכן! אין ניו-יאָרק האָסטו שטענדיק געגעסן אין רעסטאָראַנען.

רחל וואָס זשע רעדסטו? עס איז נישט אַזוי שווער. איך האָב געלייענט אַ פּאָר קאָך-ביכער. איך האָב שוין געקענט קאָכן ווען איך האָב געוווינט אין ניו-יאָרק. האָסטו טאַקע געמיינט אַז איך קען נישט צוגרייטן אַ פּשוטע וועטשערע?

אסתּר זײַ מוחל! איך האָב נישט געוווּסט.

רחל עס מאַכט נישט אויס. נו, לאָמיר אַרויסנעמען דאָס עסן פֿון אויוון.

אסתּר דאַכט זיך אַז די בולבעס זענען נאָך אַ ביסל רוי. ביסטו זיכער אַז זיי זענען גרייט?

רחל אוי וויי! איך האָב פֿאַרגעסן אָנצינדן דעם אויוון!

Vocabulary

said (see language point 1)	געזאָגט ← זאָגן
help	הילף (די), –
everything	אַלץ
prepared (see language point 1)	געגרײַט ← גרייטן
almost	כּמעט [קימאַט]
finished (see language point 1)	געענדיקט ← ענדיקן
put (see language point 1)	געשטעלט ← שטעלן
potato	בולבע (די), -ס
hour	שעה [שאָ] (די), -ען [שאָען]
ago (see language point 2)	מיט . . . צוריק
cooked (see language point 1)	געקאָכט ← קאָכן
soup	זופּ (די), -ן
maybe	אפֿשר [עפֿשער]
to cut	שנײַדן
vegetable	גרינס (דאָס), -ן
salad; lettuce	סאַלאַט (דער), -ן
made (see language point 1)	געמאַכט ← מאַכן
bought (see language point 1)	געקויפֿט ← קויפֿן
chocolate	שאָקאָלאַד (דער), -ן
cake	קוכן (דער), -ס

bottle	פֿלעשל (דאָס), -עך
wine	ווײַן (דער), -ען
knew (see language point 1)	געוווּסט ← וויסן
thought (see language point 1)	געמײנט ← מיינען
at all; in general	בכלל [ביכלאַל]
ate (see language point 1)	געגעסן ← עסן
read (see language point 1)	געלייענט ← לייענען
couple; pair	פּאָר (די/דאָס), -ן
cookbook	קאָך-בוך (דאָס), קאָך-ביכער
could (see language point 1)	געקענט ← קענען
lived (see language point 1)	געוווינט ← וווינען
to prepare	צוגרייטן
simple	פּשוט [פּאָשעט]
sorry; excuse me	זײַ מוחל [מויכל] (singular) זײַט מוחל (plural)
to take out (see language point 2, Unit 13)	אַרויסנעמען
food	עסן (דאָס), -ס
it seems	דאַכט זיך
raw	רוי
ready	גרייט
to turn on; to light (see language point 2, Unit 13)	אָנצינדן

Idiom

It doesn't matter. עס מאַכט נישט אויס.

Additional vocabulary

yesterday נעכטן
the day before yesterday אײערנעכטן

Language points

1 The past tense formed with האָבן

To talk about something that happened in the past, you need to use a special past tense form of the verb. There are many past tense verbs in Dialogue 1, e.g.:

איך **האָב געקאָכט** די זופּ.
I **cooked** the soup.

The past tense of most Yiddish verbs is formed like this. To put a verb into the past tense, follow these steps:

1 Take the subject and the appropriate *present tense* form of the verb האָבן (e.g. איך האָב, דו האָסט, ער האָט). When used in this way, האָבן does not mean 'have' but is simply an auxiliary (helping) verb that serves to signal the past tense.
2 Take the base of the verb that you would like to put in the past (e.g. -קאָכ).
3 Add the prefix -גע to the beginning of the verb (e.g. **-געקאָכ**).
4 Finally, add the suffix ט- or ן- to the verb (e.g. **געקאָכט**). The resulting form is called the past participle. Note that the stress of the past participle is on the base, not on the -גע prefix.

As in the case of noun gender and plural forms, there is no way of predicting whether a given past participle will end in ט- or ן-. This means that it is best to memorize the past participle of each verb individually. From now on the past participle of new verbs will appear in the vocabulary lists, and the past participles of all verbs introduced in this course are listed in the glossary. However, more past participles end in ט- than in ן-, so this is the default choice if you're not sure.

Here is the complete past tense conjugation of קאָכן:

Plural		Singular	
מיר האָבן געקאָכט We cooked	1st person plural	איך האָב געקאָכט I cooked	1st person singular
איר האָט געקאָכט You cooked	2nd person plural	דו האָסט געקאָכט You cooked	2nd person singular
זיי האָבן געקאָכט They cooked	3rd person plural	ער/זי/עס האָט געקאָכט He/she/it cooked	3rd person singular

There are a few more points to consider with each type of past participle. Let's look first at issues relating to verbs with past participles ending in ט-.

1 If the base of the verb already ends in ט, you don't add another one when forming the past participle, e.g.:

אַרבעטן ← געאַרבעט

2 Some verbs undergo vowel changes when they become past participles. Such changes are not very frequent with past participles ending in ט-, but do occur with two common verbs (note that these verbs are irregular in the present tense as well):

וויסן ← געוווּסט
וועלן ← געוואָלט

3 Very occasionally there is a consonant change as well, e.g.:

האָבן ← געהאַט

Now, here are a few points to note about verbs with past participles ending in ן-.

1 If the verb's infinitive ends in ען-, the past participle will end in ען- instead of ן-, e.g.:

נעמען ← גענומען
זינגען ← געזונגען
טרינקען ← געטרונקען

However, remember that many verbs whose infinitive ends in ען- have past participles ending in ט-, in which case this doesn't apply (e.g. וווינען → געוווינט).

2 Vowel changes are more common with past participles ending in ן-, e.g.:

העלפֿן ← געהאָלפֿן
שרײַבן ← געשריבן
טרינקען ← געטרונקען
נעמען ← גענומען

3 Occasional past participles ending in ן- have a consonant change as well:

עסן ← געגעסן
שרײַען ← געשריגן

To negate a past tense verb, insert נישט/ניט between the auxiliary verb and the past participle:

איך האָב **נישט** געקאָכט.
I **didn't** cook.

If the sentence has a direct or indirect object, it usually follows the entire past tense construction, as you've seen:

איך האָב געקאָכט **די זופּ**.
I cooked **the soup**.

However, if the direct object is a pronoun, it goes between האָבן and the past participle, as in:

איך האָב **עס** געקאָכט.
I cooked **it**.

Finally, note that the Yiddish past tense corresponds to several different English tenses. For example, איך האָב געקאָכט may be translated with any of the following, depending on the context:

- I cooked
- I have cooked
- I was cooking
- I had cooked.

2 The expression מיט . . . צוריק (. . . ago)

To say that something happened some time ago, use the expression מיט . . . צוריק and put the length of time in the middle, as in Dialogue 1:

איך האָב געשטעלט די בולבעס אין אויוון **מיט אַ שעה צוריק**.
I put the potatoes in the oven **an hour ago**.

Here are some more examples of this construction. Note that מינוט (minute), שעה (hour), and יאָר (year) remain in the singular when used in conjunction with numbers.

a minute ago	מיט אַ מינוט צוריק
ten minutes ago	מיט צען מינוט צוריק
an hour ago	מיט אַ שעה צוריק

two hours ago	מיט צוויי שעה צוריק
three days ago	מיט דרײַ טעג צוריק
a week ago	מיט אַ וואָך צוריק
two weeks ago	מיט צוויי וואָכן צוריק
a month ago	מיט אַ חודש [כוידעש] צוריק
four months ago	מיט פֿיר חדשים [כאַדאָשים] צוריק
a year ago	מיט אַ יאָר צוריק
five years ago	מיט פֿינף יאָר צוריק

Exercise 1 **(CD1; 51)**

Rewrite this excerpt from Khane's journal, putting the verbs into the past tense. You might have to check the glossary for some of the past participles.

דוד, אסתּר, און איך עסן וואַרעמעס בײַ רחלען. דוד און איך ברענגען אַ קוכן. רחל זאָגט, "איר דאַרפֿט ניט ברענגען קיין עסן!" מיר פֿרעגן העלפֿן רחלען אין קיך, אָבער זי וויל ניט קיין הילף. זי מאַכט אַ סאַלאַט און קאָכט אַ זופּ. איך זאָג, "דו אַרבעטסט צו שווער!" מיר ענדיקן עסן און רחל גיט אונדז הייסע טיי. רחל און דוד טרינקען אויך ווײַן. מיר רעדן ביז שפּעט.

Exercise 2

Answer the following questions based on Dialogue 1.

1 וואָס האָט רחל שוין געקאָכט?
2 וואָס האָט אסתּר געוואָלט טאָן?
3 פֿאַרוואָס האָט רחל נישט געוואָלט הילף?
4 ווו האָט רחל געגעסן ווען זי האָט געוווינט אין ניו-יאָרק?
5 האָט רחל געדענקט אָנצינדן דעם אויוון?

Exercise 3

Answer the following questions using the expression מיט . . . צוריק.

1 ווו האָסטו געווינט מיט פֿינף יאָר צוריק?
2 האָסטו געקענט רעדן ייִדיש מיט אַ יאָר צוריק?
3 ווו האָסטו געאַרבעט מיט זעקס חדשים צוריק?
4 ווען האָסטו געהאַט אַ וואַקאַציע דאָס לעצטע (last) מאָל?
5 ווען האָסטו געגעסן פֿרישטיק (breakfast) הײַנט?

Dialogue 2

(CD1; 52)

Dovid is visiting his uncle Yankl and aunt Reyzl for Friday night dinner, and ends up arguing about being vegetarian.

יאַנקל דוד, נעם אַ שטיקל פֿלייש. דו האָסט נישט געגעסן די געפֿילטע פֿיש אָדער די געהאַקטע לעבער, און דו האָסט נאָר צימעס און קוגל אויף דײַן טעלער.

דוד אַ דאַנק, פֿעטער, אָבער איך עס נישט קיין פֿלייש. איך בין אַ וועגעטאַריער. איך האָב אײַך שוין פֿריער געזאָגט.

רייזל וואָס הייסט, נישט עסן פֿלייש? נו, אויב אַזוי, פֿאַרזוך אַ ביסל הינדל.

דוד זײַ מוחל, מומע, איך עס אויך נישט קיין הינדל אָדער פֿיש. איך מיין אַז דאָס איז דאָס צענטע מאָל וואָס מיר רעדן וועגן דעם ענין!

יאַנקל וואָס זשע רעדסטו? וואָס עסטו יאָ?

דוד איך האָב אײַך שוין געזאָגט הונדערט מאָל! כּלערליי זאַכן! פֿרוכט, גרינסן, אייער, קעז, ברויט, לאָקשן, קאַשע, בעבעלעך -

רייזל וואָס פֿאַר אַ משוגעת איז דאָס? דו מוזסט עסן פֿלייש. אויב נישט, קענסטו חלילה קראַנק ווערן.

דוד איך בין נישט דער ערשטער וועגעטאַריער אויף דער וועלט! עס איז גאַנץ געוויינטלעך אין די הײַנטיקע צײַטן.

יאַנקל נו, וואָס קען מען טאָן; דו ביסט אַ גרויסער עקשן. זײַ אַ וועגעטאַריער אויב דו ווילסט.

רייזל יאָ, טו וואָס דו ווילסט. אָבער פֿאַרזוך כאָטש מײַן יויכל.

דוד גוואַלד!!

Vocabulary

piece	שטיקל (דאָס), -עך
meat	פֿלייש (דאָס), -ן
gefilte fish (literally: filled fish; see culture point)	געפֿילטע פֿיש (plural)
chopped liver	געהאַקטע לעבער (די)
tsimes (see culture point)	צימעס (דער), -ן
kugel (see culture point)	קוגל (דער), -ען
vegetarian	וועגעטאַריער (דער), –
before; earlier	פֿריער
to taste (see language point 1, Unit 12, for explanation of how to form the past tense of this type of verb)	פֿאַרזוכן
chicken	הינדל (דאָס), -עך
fish	פֿיש (דער), –
tenth (see language point 3)	צענט
issue	ענין [איניען] (דער/דאָס), -ים [איניאָנים]
all kinds of	כּלערליי [קאָלערליי]
fruit	פֿרוכט (די), -ן
egg	איי (דאָס), -ער
cheese	קעז (דער), -ן
bread	ברויט (דאָס), -ן
noodle	לאָקש (דער), -ן
porridge	קאַשע (די), -ס
bean	בעבעלע (דאָס), -ך
madness	משוגעת [מעשוגאַס] (דאָס), -ן
if	אויב
first (see language point 3)	ערשט
world	וועלט (די), -ן
common; usual	געוויינטלעך
contemporary	הײַנטיק
stubborn person	עקשן [אַקשן] (דער), -ים [אַקשאָנים]
at least (can also mean 'although')	כאָטש
clear chicken soup (see culture point)	ייַכל (דאָס), -עך

Idioms

What does that mean?	וואָס הייסט?
Help! Mercy!	גוואַלד!

Additional vocabulary

to bake	באַקן, גע-ן/גע-ט
fork	גאָפּל (דער), -ען
glass	גלעזל (דאָס), -עך
herring	הערינג (דער), -ען/-
salt	זאַלץ (די/דאָס), -ן
juice	זאַפֿט (דער), -ן
pot	טאָפּ (דער), טעפּ
cup	טעפּל (דאָס), -עך
cholent (see culture point, Unit 5)	טשאָלנט (דער/דאָס), -ן/-ער
kosher (see culture point)	כּשר [קאָשער]
spoon	לעפֿל (דער), –
milk	מילך (די), –
dairy (see culture point)	מילכיק
knife	מעסער (דער/דאָס), -ס
carrot	מער (דער/די), -ן
frying pan	סקאָווראָדע (די), -ס; פֿאַטעלניע (די), -ס
parev, neutral, neither meaty nor dairy (see culture point)	פּאַרעווע
tomato	פּאָמידאָר (דער), -ן
orange	פּאָמעראַנץ (דער), -ן
to fry	פּרעגלען, גע-ט
meaty (see culture point)	פֿליישיק
pepper	פֿעפֿער (דער), –
sugar	צוקער (דער), –
onion	ציבעלע (די), -ס
garlic	קנאָבל (דער), –
mushroom	שוואָם (דער/די), -ען
bowl	שיסל (די), -ען

Language points

3 Ordinal numbers 1–100

The ordinal numbers (first, second, third, etc.) in Yiddish are adjectives made by taking the cardinal number (one, two, three, etc.) and adding a suffix to it.

The ordinals 1st to 19th are formed with the suffix ט-, as shown in the following chart. The ordinals 1st, 3rd, 4th, and 7th are irregular; for 8th there is no change because the cardinal אַכט already ends in ט. 5th has two variants, one regular and the other irregular.

	Cardinal	Ordinal		Cardinal	Ordinal
1	אײנס	ערשט	11	עלף	עלפֿט
2	צוויי	צווייט	12	צוועלף	צוועלפֿט
3	דרײַ	דריט	13	דרײַצן	דרײַצנט
4	פֿיר	פֿערט	14	פֿערצן	פֿערצנט
5	פֿינף	פֿינפֿט/פֿופֿט	15	פֿופֿצן	פֿופֿצנט
6	זעקס	זעקסט	16	זעכצן	זעכצנט
7	זיבן	זיבעט	17	זיבעצן	זיבעצנט
8	אַכט	אַכט	18	אַכצן	אַכצנט
9	נײַן	נײַנט	19	נײַנצן	נײַנצנט
10	צען	צענט			

The ordinals 20th and above are formed with the suffix סט-:

20	צוואַנציק/צוואָנציק	צוואַנציקסט/צוואָנציקסט
30	דרײַסיק	דרײַסיקסט
40	פֿערציק	פֿערציקסט
50	פֿופֿציק	פֿופֿציקסט
60	זעכציק	זעכציקסט
70	זיבעציק	זיבעציקסט
80	אַכציק	אַכציקסט
90	נײַנציק	נײַנציקסט
100	הונדערט	הונדערטסט

In the case of compounds, only the last part is made into an ordinal, e.g. איין און צוואַנציקסט (21st), זיבן און דרײַסיקסט (37th).

Ordinal numbers function like other adjectives, taking gender and case suffixes, e.g.:

איך בין נישט **דער** ערשטער וועגעטאַריער.
I'm not the first vegetarian (masculine singular nominative).

דאָס איז **דאָס** צענטע מאָל!
This is the tenth time (neuter singular nominative)!

איך האָב געזען **דעם** ערשטן פֿילם, אָבער נישט **דעם** צווייטן.
I've seen the first film, but not the second (masculine singular accusative).

4 Using יאָ to emphasize a contrast

In Yiddish the word יאָ can be added to a statement in order to emphasize that it contrasts with something said previously. This is often equivalent to using italics or stressing a particular word in English. For example, in Dialogue 2 Dovid said,

איך עס נישט קיין הינדל אָדער פֿיש.
I don't eat chicken or fish.

To which Yankl replied,

וואָס עסטו **יאָ**?
What ***do*** you eat?

Culture point

Eastern European Jewish food

Traditional Ashkenazi cuisine is shaped by the Jewish dietary laws. According to these laws, only animals that chew the cud and have cloven hooves are permitted as food. Similarly, only certain types of fowl are allowed. Permitted animals and fowl must be slaughtered according to strict regulations in order to be כשר (kosher, fit, acceptable). Fish must have fins and scales, so all shellfish is prohibited. In addition, meat and dairy must not be mixed. This prohibition extends to cutlery, utensils, and cooking appliances, so observant households

have separate פֿלייִשיק (meaty) and מילכיק (dairy) pots and pans, ovens, and sinks. Fish, eggs, fruit, and vegetables are פּאַרעווע (neutral) and may be mixed with both meat and dairy, but traditionally fish is not served during the same course as meat. Typical specialities of the Yiddish-speaking world include קוגל, a baked casserole that may be sweet (made with noodles) or savoury (made with potatoes); יויך (often referred to by the diminutive ייַכל), a clear chicken soup; צימעס, a sweet dish of carrots and raisins; געפֿילטע פֿיש, carp or whitefish patties that may be either sweet (in the Polish style) or salted (in the Lithuanian style); and chopped egg, chicken liver, or herring.

Exercise 4

Look at this illustration and say what the people are doing. Refer to each person using ordinal numbers.

Example דער ערשטער מענטש לייענט אַ בוך.



Exercise 5

Insert ordinal numbers in the correct cases into this story, using the prompts in brackets.

דוד איז דאָס ________ (3) קינד פֿון פֿינף, אָבער ער איז דער ________ (2) זון. זײַן ברודער וווינט אין ישׂראל. דוד פֿאָרט באַלד קיין ישׂראל כּדי צו באַזוכן דעם ברודער. דאָס איז נישט דודס ________ (1) נסיעה קיין ישׂראל; עס איז שוין דאָס ________ (4) מאָל וואָס ער באַזוכט זײַן ברודער דאָרט. דאָס ________ (1) מאָל האָט ער נישט אַזוי ליב געהאַט ישׂראל, ווײַל ער האָט נישט גוט געקענט העברעיִש, אָבער איצט האָט ער שטאַרק ליב. ער זאָגט, "איך פֿיל אַז דאָס איז שוין דאָס ________ (50) מאָל וואָס איך פֿאָר קיין ישׂראל!"

Supplementary text

(CD1; 53)

Here is a story about Hershele Ostropolyer, the popular Yiddish folk hero famous for championing the poor and mocking the rich.

הערשעלע גייט אין קרעטשמע

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט געמאַכט אַ לאַנגע נסיעה. ער איז געוואָרן* זייער מיד און הונגעריק און האָט געוואָלט עסן וועטשערע, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין געלט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען† אין אַ קרעטשמע אויפֿן וועג און האָט געבעטן וועטשערע. די בעל־הביתטע האָט געקוקט אויף הערשעלעס אַלטע, שמוציקע קליידער און האָט פֿאַרשטאַנען‡ אַז ער האָט נישט קיין געלט, האָט זי נישט געוואָלט אים געבן קיין וועטשערע. זי האָט אים געזאָגט, "איך האָב נישט קיין עסן. איך קען אײַך גאָרנישט געבן."

הערשעלע האָט געזען אַז עס איז דאָ עסן אין קרעטשמע, און ער האָט געפֿרעגט, "האָט איר טאַקע גאָרנישט? נישט קיין פֿלייש, נישט קיין פֿיש?" "ניין," האָט די בעל־הביתטע געענטפֿערט. "אַפֿילו נישט קיין ברויט?" "ניין," האָט די בעל־הביתטע געענטפֿערט.

* past tense of ווערן (see language point 1, Unit 9)

† past tense of אַרײַנגיין (see language point 1, Unit 9, and language point 2, Unit 13)

‡ past participle of פֿאַרשטיין (see language point 1, Unit 12)

הערשעלע איז געוואָרן זייער אין כּעס. ער האָט געשריגן, "אויב איר גיט מיר נישט קיין עסן, טו איך וואָס מײַן טאַטע האָט געטאָן!" די פֿרוי האָט מורא געהאַט און האָט גלײַך געברענגט הערשעלען אַ גרויסן טעלער פֿלייש און בולבעס. ווען הערשעלע האָט געענדיקט עסן, האָט די פֿרוי געפֿרעגט, "זאָגט מיר ביטע, וואָס האָט אײַער טאַטע געטאָן?"

האָט הערשעלע געענטפֿערט, "ער איז געגאַנגען[§] שלאָפֿן אַ הונגעריקער[¶]".

[§] past tense of גיין (see language point 1, Unit 9)

[¶] הונגעריק used as a masculine noun

Unit Nine

ווי איז געווען די נסיעה?

How was the trip?

In this unit you will learn:

- how to talk about travel and describe places
- the past tense formed with זײַן
- prepositions meaning ‘to’
- גיין and פֿאָרן
- large numbers and dates
- how to decline יעדער and איינער
- adjectives based on place names
- about Jewish Vilnius

Dialogue 1

(CD1; 55)

Dovid has just come back from Israel, where he went to visit his brother in yeshiva. He tells Khane and Rokhl about his trip.

רחל נו, ווי איז געווען די נסיעה? ביסטו געגאַנגען שווימען אין ים?

דוד רחל, וואָס רעדסטו! איך בין געפֿאָרן קיין ירושלים, נישט תּל־אָבֿיבֿ!

רחל דאָס איז אַ שאָד. ווען איך בין געפֿאָרן קיין ישׂראל דאָס לעצטע מאָל בין איך געלעגן אויף דער פּלאַזשע די גאַנצע צײַט. טאָ וואָס האָסטו געטאָן?

דוד איך בין געגאַנגען אין דער אַלטער שטאָט און געבליבן דאָרטן אַ גאַנצן טאָג. איך האָב געזען דעם כּותל און די גרויסע מערק. איך בין אויך געזעסן אַ סך אין קאַפֿעען מיט מײַן ברודער. מיר זענען געווען אויף אַ שׂימחה – איינער פֿון מײַן ברודערס חבֿרים האָט חתונה געהאַט. מיר זענען אויך געפֿאָרן מיטן אויטאָבוס קיין חיפֿה און געגאַנגען אין די באַרימטע גערטנער דאָרטן. איך בין געוואָרן אין גאַנצן רויט פֿון צו פֿיל זון!

חנה	ביסטו געווען אין די ייִדישע ביכער-קראָמען אין מאה שערים?
דוד	יאָ, איך האָב געקויפֿט אַ סך ביכער און ספֿרים – דעטעקטיוו-ראָמאַנען, הלכה, און אַגדות אויף ייִדיש. אָבער –
רחל	דעטעקטיוו-ראָמאַנען? נו, ווו זענען זיי? ווײַז מיר!
דוד	איך בין געווען אַזוי נאַריש – איך האָב זיי געלאָזט אויפֿן עראָפּלאַן!

Vocabulary

was (see language point 1)	געווען ← זײַן
trip	נסיעה [נעסיע] (די), -ות
sea	ים [יאַם] (דער), -ען
to (see language point 2)	קיין
Jerusalem	ירושלים [יערושאָלאַיִם]
Tel Aviv	תּל-אָבֿיבֿ [טעל-אַוויוו]
pity; shame	שאָד (דער), –
travelled/went (by vehicle) (see language points 1 and 3)	געפֿאָרן ← פֿאָרן
lay (see language point 1)	געלעגן ← ליגן
beach	פּלאַזשע (די), -ס
so	טאָ
walked; went (see language points 1 and 3)	געגאַנגען ← גיין
city	שטאָט (די), שטעט
stayed (see language point 1)	געבליבן ← בלײַבן
there	דאָרט(ן)
The Western Wall	כּותל [קויסל] (דער)
market	מאַרק (דער), מערק
to (see language point 2)	אויף
celebration	שׂימחה [סימכע] (די), -ות
one (see language point 8)	איינער (masculine)
bus	אויטאָבוס (דער), -ן
Haifa	חיפֿה [כײפֿע]
became (see language point 1)	געוואָרן ← ווערן
completely	אין גאַנצן

sun	זון (די), -ען
shop, store	קראָם (די), -ען
Meah Shearim (Haredi neighbourhood of Jerusalem)	מאה שערים [מייע שעאָרים]
Jewish religious book	ספֿר [סייפֿער] (דער), -ים [ספֿאָרים]
detective	דעטעקטיוו (דער), -ן
novel	ראָמאַן (דער), -ען
halakha, Jewish law	הלכה [האַלאָכע] (די), -ות
legend; non-legal sections of classical rabbinic texts, e.g. Talmud and midrash	אַגדה [אַגאָדע] (די), -ות
stupid; silly	נאַריש
to leave (also: to let)	לאָזן, גע-טוּגע-ן
plane	עראָפּלאַן (דער), -ען

Additional vocabulary

car	אויטאָ (דער), -ס
underground/subway	אונטערגרונט-באַן (די), -ען
train	באַן (די), -ען
tram	טראַמוויי (דער), -ען
motorcycle	מאָטאָציקל (דער), -ען
motor	מאָטאָר (דער), -ן
underground/subway (used in US)	סאָבוויי (דער/די), -ס
on foot	צו פֿוס
wheel	ראָד (די/דאָס), רעדער
bicycle	ראָווער (דער), -ס
boat, ship	שיף (די), -ן
north	צפֿון [צאָפֿן] (דער)
south	דרום [דאָרעם] (דער)
east	מיזרח [מיזרעך] (דער)
west	מערבֿ [מײַרעוו] (דער)

Language points

1 The past tense formed with זײַן

In Unit 8 you learned the usual way of forming the past tense in Yiddish, i.e. with a present tense form of the auxiliary verb האָבן followed by a past participle. However, there is a small group of about 20 verbs that do not form their past tense with האָבן; instead, they use זײַן. You saw some examples of this in Dialogue 1, for example when Dovid said,

איך **בין געפֿאָרן** קיין ירושלים.
I **travelled** to Jerusalem.

Here is the complete past tense conjugation of פֿאָרן (to go/travel by vehicle) which you can use as a model for verbs forming their past tense with זײַן.

Plural		Singular	
מיר זענען/זײַנען געפֿאָרן We went	1st person plural	איך בין געפֿאָרן I went	1st person singular
איר זײַט געפֿאָרן You went	2nd person plural	דו ביסט געפֿאָרן You went	2nd person singular
זיי זענען/זײַנען געפֿאָרן They went	3rd person plural	ער/זי/עס איז געפֿאָרן He/she/it went	3rd person singular

In most other respects these verbs behave just like those using האָבן: the past participle is formed with -גע and a suffix; נישט/ניט goes between the auxiliary verb and the past participle; if the verb has a direct or indirect object, it usually goes after the past participle, but if the direct object is a pronoun it goes between the auxiliary verb and the past participle; the range of possible translations is the same (e.g. I went, I have gone, I was going, I had gone).

There is no completely foolproof method of predicting which verbs conjugate with זײַן instead of האָבן; as with other aspects of Yiddish grammar, the best thing to do is just to memorize them individually. However, since there are only about 20 of them, this is not a big

problem. Moreover, here are a few guidelines that can help you to remember which verbs belong to this category:

1 All verbs that form their past tense with זײַן have a meaning that has something to do with the body, movement or existence. Sometimes this meaning is obvious, e.g. שפּרינגען (jump), זיצן (sit), שטיין (stand), לויפֿן (run); other times it is more general, e.g. זײַן (be), שטאַרבן (die), בלײַבן (stay/remain), װערן (become).
2 All 'זײַן' verbs are intransitive (i.e. they cannot take a direct object).
3 All 'זײַן' verbs have a past participle ending in ן- or ען- rather than ט-. Therefore, if you know that the past participle of any given verb ends in ט-, you can be sure that its auxiliary verb is not זײַן.
4 Many verbs in this category have internal vowel and/or consonant changes. Some of them are extremely irregular.

Study the following lists of the most common 'זײַן' verbs. They have been divided into different groups according to how their past participle is formed.

1 Past participle ending in ן- with no further changes:

געקומען	←	קומען come
געפֿאָרן	←	פֿאָרן go (by vehicle)
געשלאָפֿן*	←	שלאָפֿן sleep
געפֿאַלן	←	פֿאַלן fall

* can conjugate with האָבן as well

2 Past participle ending in ן- with vowel change:

געבליבן	←	בלײַבן stay
געוואָקסן*	←	וואַקסן grow
געוואָרן	←	ווערן become
געלאָפֿן	←	לויפֿן run
געלעגן	←	ליגן lie
געקראָכן	←	קריכן crawl
געריטן†	←	רײַטן ride (a horse, etc.)
געשטאָרבן	←	שטאַרבן die

* can be געוואַקסן as well
† can conjugate with האָבן as well

3 Past participle ending in ען- with vowel change:

געהאָנגען	←	הענגען hang
געשווומען	←	שווימען swim
געשפּרונגען	←	שפּרינגען jump

4 Past participle ending in ן- with vowel and consonant change:

געזעסן	←	זיצן sit
געפֿלויגן	←	פֿליִען fly

5 Past participle ending in ען- with vowel and consonant change:

געגאַנגען	←	גיין go (on foot)
געשטאַנען	←	שטיין stand
געווען	←	זײַן be

2 Prepositions meaning 'to'

In Yiddish there are four separate prepositions, קיין, אין, צו, and אויף, corresponding to the English 'to', as in 'I am going to the library/to Israel/to a concert'. Each of these prepositions is used in specific contexts, so once you've learnt the difference between them it will be easy to know when to use each one.

1 קיין is used before geographical locations with their own name, including cities, countries, regions, towns, and villages. For example:

איך בין געפֿאָרן **קיין** ירושלים.
I travelled **to** Jerusalem.

There are only a few exceptions to this rule, discussed in point 2.

2 אין is used before locations within a city or town, usually buildings such as shops, restaurants, cinemas, libraries, etc. Typically these kinds of places do not have their own unique name, but rather are referred to by a general noun such as 'the library' or 'the cinema'. For example:

ביסטו געגאַנגען **אין** די ייִדישע ביכער-קראָמען
Did you go **to** the Yiddish bookstores?

Even if such a location has its own proper name, you still use אין rather than קיין, e.g.:

איך בין געגאַנגען **אין** מאה שערים.
I went **to** Meah Shearim.

Finally, before the names of a few countries אין is used instead of קיין. These exceptions are as follows:

איך בין געפֿאָרן **אין** דער שווייץ I went **to** Switzerland	←	שווייץ Switzerland
איך בין געפֿאָרן **אין** דער ליטע I went **to** Lithuania	←	ליטע Lithuania
איך בין געפֿאָרן **אין** דער אוקראַינע I went **to** Ukraine	←	אוקראַינע Ukraine
איך בין געפֿאָרן **אין** די פֿאַראייניקטע שטאַטן I went **to** the United States	←	די פֿאַראייניקטע שטאַטן the United States

Note that the definite article appears before all of these exceptional country names when they are in the dative case; this may help you remember them.

3 צו is used in conjunction with people, whether referred to by their proper name (e.g. רחל, חנה) or by a common noun (e.g. מאַמע, לערער). Often when you say that you are going 'to' a person in Yiddish you mean that you are going to their place or their house. For example:

איך בין געגאַנגען **צו** דודן.
I went **to** Dovid['s house].

איך בין געפֿאָרן **צו** דער מומען.
I went **to** my (literally: the) aunt['s house].

4 אויף is used before words describing events scheduled for a particular time, e.g. מסיבה, חתונה, לעקציע:

מיר זענען געגאַנגען **אויף** אַ שׂימחה.
We went **to** a celebration.

3 גיין and פֿאָרן

Note that while גיין and פֿאָרן can both be translated as ‘go’, they are used in different contexts.

גיין usually means ‘go on foot’ or ‘walk’, e.g.:

איך בין **געגאַנגען** אין מאה שערים.
I went [on foot] to Meah Shearim.

Additionally, it can mean ‘go’ in a general sense, without specific reference to walking:

ביסטו **געגאַנגען** שווימען?
Did you go swimming?

Conversely, פֿאָרן always means ‘travel/go by vehicle’.

איך בין **געפֿאָרן** קיין ישׂראל.
I went/travelled [e.g. by plane] to Israel.

Exercise 1

Insert the correct auxiliary verbs and past participles, using the infinitives in brackets.

1 דוד ________ ________ [קומען] פֿון ישׂראל.
2 איך ________ ________ [זײַן] אין פּאַריז.
3 מיר ________ ________ [שווימען] אין ים.
4 רחל ________ ________ [ליגן] אויף דער פּלאַזשע.
5 איר ________ ________ [פֿליען] מיט אַן עראָפּלאַן.
6 די חבֿרים ________ ________ [פֿאָרן] מיטן אויטאָבוס.
7 חנה און רחל ________ ________ [גיין] אויף אַ שׂימחה.
8 דו ________ ________ [זיצן] אין גאָרטן.
9 מיר ________ ________ [ווערן] רויט פֿון דער זון.
10 איך ________ ________ [שלאָפֿן] ביז שפּעט.

Exercise 2

Complete this excerpt from Khane's journal with the correct prepositions (choose from קיין, אין, צו and אויף).

רחל האָט געוואָלט פֿאָרן ________ פּאַריז. זי האָט מיר געזאָגט,
„לאָמיר פֿאָרן צוזאַמען! איך וויל זײַן ________ מעדעם ביבליאָטעק.*
מיר קענען זײַן ________ ייִדיש לעקציעס און רעדן ייִדיש די גאַנצע
צײַט. מײַן ברודער וווינט אין פּאַריז; מיר קענען זײַן ________ אים. מיר
קענען אויך זײַן ________ גוטע רעסטאָראַנען און ________ שײַנע
קרעטשמעס!"

* The Medem Biblyotek/Medem Bibliothèque is a Yiddish centre in Paris with an extensive range of classes, courses, and cultural events as well as a Yiddish café, library, and bookshop.

Exercise 3

Complete these sentences with either גיין or פֿאָרן, as appropriate.

1 דוד האָט געוואָלט ________ פֿון ענגלאַנד קיין ישׂראל.
2 קענסטו ________ אין שטאָט, אָדער איז עס צו ווײַט?
3 רחל האָט ליב צו ________ אין פּאַרק לעבן איר דירה.
4 חנה האָט נישט ליב צו ________ מיט דער באַן.

Exercise 4

Read the following descriptions of different types of transport and provide the term that best fits the description. The first one has been done.

1 מען קען פֿליען מיט אים. = **עראָפּלאַן**
2 מע פֿאָרט מיט אים אויפֿן ים.
3 עס האָט צוויי רעדער און נישט קיין מאָטאָר.
4 אויב מע וויל פֿאָרן מיט אים, מוז מען גיין אונטער דער ערד (earth; ground).
5 עס האָט צוויי רעדער און אַ מאָטאָר.
6 עס האָט צוויי אָדער פֿיר טירן און אַ מאָטאָר.

Dialogue 2

(CD1; 56)

Khane is considering signing up for an intensive Yiddish summer course in Vilnius, Lithuania. She asks Rokhl, who has done the course before, what it was like.

חנה מיינסטו אַז עס איז כּדאי צו פֿאָרן קיין ווילנע אויפֿן זומער-קורס!

רחל וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע! עס איז ממש כּדאי!

חנה ווי איז געווען דער קורס וואָס דו האָסט דאָרטן געמאַכט?

רחל ס'איז געווען אויסערגעוויינטלעך! איך בין דאָרטן געווען אַ חודש און איך האָב גערעדט ייִדיש די גאַנצע צײַט. איך האָב געטראָפֿן אַ סך אינטערעסאַנטע מענטשן פֿון כּלערליי מדינות. מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען אין אַ סך רעסטאָראַנען, און עס זענען געווען רעפֿעראַטן וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין ווילנע כּמעט יעדן אָוונט.

חנה איז די שטאָט שיין? וואָס האָסטו דאָרטן געזען?

רחל אוי, ירושלים דליטא איז פּרעכטיק! איך האָב געוווינט אין דער אַלטער שטאָט. אַ סך בנינים דאָרטן זענען לפּחות פֿיר אָדער פֿינף הונדערט יאָר אַלט און זייער קאָלירפֿול. איך בין געזעסן אין קאַפֿעען און געגאַנגען אין קונסט-גאַלעריעס. די ייִדישע געשיכטע פֿון דער שטאָט איז אויך זייער רײַך. דער ווילנער גאון האָט געוווינט נאָר אַ פּאָר הונדערט מעטער פֿון מײַן דירה. אַ מאָל איז די געשיכטע געווען טרויעריק - למשל, דער אוניווערסיטעט איז זייער נאָענט צום אַרײַנגאַנג פֿון ווילנער געטאָ.

חנה און וואָס מיטן קורס אַליין? ווי זענען געווען די לעקציעס?

רחל אוי, די לעקציעס! איך בין נישט געווען אויף אַלע - איך האָב נישט געקענט אַרויסקריכן פֿון בעט אין דער פֿרי!

Vocabulary

worthwhile, advisable	כּדאי [קעדײַ]
Vilnius	ווילנע (די)
summer	זומער (דער), -ן/ס
really	ממש [מאַמעש]
contraction of עס	ס'
extraordinary; amazing	אויסערגעוויינטלעך
to meet	טרעפֿן, געטראָפֿן
country	מדינה [מעדינע] (די), -ות

lecture	רעפֿעראַט (דער), ־ן
history	געשיכטע (די), ־ס
each, every (see language point 7)	יעדן (masculine accusative)
Vilnius (literally: Jerusalem of Lithuania)	ירושלים דליטא [יערושאָלאַיִם דעליטע]
gorgeous	פּרעכטיק
building	בנין [ביניען] (דער\דאָס), ־ים [ביניאָנים]
at least	לפּחות [לעפּאָכעס]
colourful	קאָלירפֿול
art gallery	קונסט־גאַלעריע (די), ־ס
The Vilna Gaon, Rabbi Elijah ben Shlomo Zalman (see culture point)	דער ווילנער גאון [גאָען]
metre	מעטער (דער), ־ס
sad	טרױעריק
for example	למשל [לעמאָשל]
entrance	אַרײַנגאַנג (דער), ־ען
close	נאָענט
of Vilnius (see language point 9)	ווילנער
ghetto	געטאָ (די\דאָס), ־ס
itself	אַלײן
to crawl out (see language point 2, Unit 13)	אַרױסקריכן

Language points

4 Lengths of time

In Yiddish when you say how long something lasted you don't use a preposition like English 'for'. You saw this in Dialogue 2, when Rokhl said,

איך בין דאָרטן געווען אַ חודש.
I was there [for] a month.

If the noun describing the amount of time has an associated article and/or adjective, these will be in the accusative:

איך בין דאָרטן געווען **דעם** גאַנצן חודש.
I was there [for] the whole month.

5 Large numbers and dates

Large numbers in Yiddish are very easy to form. Here are some examples:

101	הונדערט (און) אײנס
102	הונדערט (און) צוויי
110	הונדערט (און) צען
111	הונדערט (און) עלף
120	הונדערט (און) צוואַנציק/צוואָנציק
121	הונדערט אײן און צוואַנציק/צוואָנציק
130	הונדערט (און) דרײַסיק
199	הונדערט נײַן און נײַנציק
200	צוויי הונדערט
201	צוויי הונדערט (און) אײנס
300	דרײַ הונדערט
900	נײַן הונדערט
1,000	טויזנט (דער), -ער
1,200	טויזנט צוויי הונדערט
1,345	טויזנט דרײַ הונדערט פֿינף און פֿערציק
2,000	צוויי טויזנט
100,000	הונדערט טויזנט
1,000,000	מיליאָן (דער), -ען
1,000,000,000	מיליאַרד (דער), -ן

Dates can be read in two ways, both of which are equally acceptable. The first way resembles English:

1985 נײַנצן פֿינף און אַכציק

The second way is a bit different from English:

1985 טויזנט נײַן הונדערט פֿינף און אַכציק

For dates in the twenty-first century, there is only one possibility:

2015 צוויי טויזנט פֿופֿצן

6 עס איז\זענען געווען (There was/were)

To say 'there was/were' in the past, follow these steps:

1 Take the present-tense expression עס איז דאָ or עס זענען\זײַנען דאָ and remove the דאָ.
2 Put the verb into the past tense. You end up with:

there was — עס איז געווען

Example — **עס איז געווען** אַ גוטער רעסטאָראַן אין דער אַלטער שטאָט.
There was a good restaurant in the Old City.

there were — עס זענען\זײַנען געווען

Example — **עס זענען געווען** רעפֿעראַטן וועגן ייִדן אין ווילנע.
There were lectures about Jews in Vilnius.

To make this expression negative, put נישט\ניט after איז or זענען\זײַנען and remember to add קיין before the noun, whether singular or plural:

there wasn't — עס איז **נישט** געווען **קיין**

Example — **עס איז נישט געווען קיין** גוטער רעסטאָראַן אין דער אַלטער שטאָט.
There was no good restaurant in the Old City.

there weren't — עס זענען\זײַנען **נישט** געווען **קיין**

Example — **עס זענען נישט געווען קיין** רעפֿעראַטן וועגן ייִדן אין ווילנע.
There weren't any lectures about Jews in Vilnius.

7 Declining יעדער (each/every)

The adjective יעדער (each/every) is like other adjectives except in two respects:

1 It has no base form; it always appears directly before a noun and thus always has a gender and case suffix (e.g. יעדער מאַן, יעדע פֿרוי, מיט יעדן מאַן).

2 The neuter nominative/accusative form is יעדעס, which is different from most other adjectives. For example:

איך פֿאָר קיין ווילנע **יעדעס** יאָר.
I go to Vilnius every year.

8 Declining **אײנער** (one)

The number איין (one) can be used like a noun, as in **אײנער** פֿון מײַנע חבֿרים (**one** of my friends). In such cases it takes gender and case suffixes usually found with adjectives, as shown in the following table:

Dative	Accusative	Nominative	
אײנ**עם**		אײנ**ער**	Masculine
אײנ**ער**	אײנ**ע**		Feminine
אײנ**עם**	אײנ**ס**		Neuter

Here are some examples of this usage:

אײנ**ער** פֿון מײַנע חבֿרים איז געקומען אויף דער חתונה.
One (masculine nominative) of my friends came to the wedding.

איך האָב געזען אײנ**עם** פֿון מײַנע חבֿרים דאָרט.
I saw one (masculine accusative) of my friends there.

ער איז געזעסן מיט אײנ**ער** פֿון זײַנע שוועסטער.
He was sitting with one (feminine dative) of his sisters.

9 Adjectives based on place names

Adjectives based on names of cities or countries, e.g. ווילנער, בעלעמער, אַמעריקאַנער (American), מעקסיקאַנער (Mexican), usually end in ער- and don't decline, e.g. דער ווילנער געטאָ, די ווילנער פֿרוי, דאָס ווילנער קינד, דעם ווילנער געטאָ, די ווילנער בנינים.

Culture point

Jewish Vilnius

Vilnius, Lithuania, often referred to in Yiddish as ירושלים דליטא (Jerusalem of Lithuania), has a rich Jewish history dating back to at least the sixteenth century. It was a centre of Jewish religious learning and the home of many famous yeshivas. In the eighteenth century it became the seat of the Misnagdim, or opponents of Hasidism and the Jewish Enlightenment, under the leadership of the great Talmudic scholar Rabbi Elijah ben Shlomo Zalman (1720–97), commonly known as the Vilna Gaon. In the late nineteenth and early twentieth centuries Vilnius developed a thriving secular Jewish culture with a vibrant Yiddish press as well as a wealth of literature, music, and artistic activities including the YIVO, the renowned Yiddish academic institute. In the inter-war period Jews comprised approximately 30 per cent of the city's population. During the Holocaust the Jews were confined to the Vilna ghetto and most were subsequently deported to concentration camps or murdered. Today the Jewish community of Vilnius numbers roughly 3,500, many of whom are Yiddish speakers.

Exercise 5

Answer the following questions in Yiddish about your most recent holiday.

1 וווּהין ביסטו געפֿאָרן?
2 ווי לאַנג ביסטו געבליבן?
3 פֿאַרוואָס האָסטו געוואָלט דאָרטן פֿאָרן?
4 ביסטו געפֿאָרן מיט אַן עראָפּלאַן, מיט אַן אויטאָ, מיט דער באַן אָדער מיטן אויטאָבוס?
5 וואָסערע ערטער האָסטו געזען?

Exercise 6 **(CD1; 57)**

Use the following prompts to describe what there was and wasn't at the Yiddish summer course that Rokhl attended.

Example אַ סך מענטשן ← עס זענען געווען אַ סך מענטשן בײַם זומער-קורס.

1 גוטע לערערס
2 נישט קיין נודניקעס
3 אינטערעסאַנטע רעפֿעראַטן
4 צו פֿיל לעקציעס אין דער פֿרי
5 נישט קיין פֿרײַע צײַט
6 אַ סך שווערע היימאַרבעט

Exercise 7

Say what there was and wasn't on your last holiday, using the expressions עס איז געווען\עס איז נישט געווען.

Example עס זענען געווען אַ סך שיינע בנינים.

Exercise 8

Read the following dates aloud.

1 1272
2 1760
3 1772
4 1810
5 1881
6 1908
7 1915
8 1945
9 2014
10 2032

Supplementary text

(CD1; 58)

This is a folk-tale about a man's travels in search of a treasure.

דער אוצר אונטער דער וואַרשעווער בריק

עס איז אַ מאָל געווען אַ ייִד וואָס האָט געהייסן אײַזיק, יעקלס זון. אײַזיק איז געווען זייער אָרעם. ער האָט איין נאַכט געחלומט אַז עס ליגט אַן אוצר אונטער דער וואַרשעווער בריק.

איז ער געפֿאָרן קיין וואַרשע כּדי צו געפֿינען די בריק. ער איז געקומען צו דער בריק און האָט געזוכט דאָס אָרט ווו ער האָט געזען דעם אוצר אין חלום, אָבער אַ סאָלדאַט איז דאָרט געשטאַנען און געהיט דאָס אָרט. אײַזיק האָט געוואַרט און געהאָפֿט אַז דער סאָלדאַט וועט אַוועקגיין.

דער סאָלדאַט האָט געזען אַז אַ מענטש שטייט אויף דער בריק און איז געגאַנגען צו זען וואָס ער טוט. ער האָט געפֿרעגט אײַזיקן וואָס ער וויל. אײַזיק האָט אים געזאָגט דעם אמת, אַז ער האָט געחלומט פֿון אַן אוצר אונטער דער בריק. דער סאָלדאַט האָט געזאָגט, ״דו ביסט אַ נאַר! איך אַליין האָב נעכטן געחלומט פֿון אַ גרויסן אוצר וואָס ליגט הינטערן אויוון אין דער היים פֿון אַ ייִד וואָס הייסט אײַזיק, יעקלס זון, אָבער דאָס הייסט נישט אַז איך דאַרף אַהינפֿאָרן כּדי צו זוכן דעם אוצר!״

איז אײַזיק אַהיימגעפֿאָרן.* ער האָט געפֿונען אַ גרויסן אוצר הינטערן אויוון און איז געוואָרן זייער רײַך.

* travelled home (see language point 2, Unit 13)

Unit Ten

עס וועט באַלד שנייען!

It's going to snow soon!

In this unit you will learn:

- how to talk about the weather and seasons
- how to talk about the future
- the months of the year and the Jewish calendar
- the future tense
- the expression אין . . . אַרום (in . . . time)
- how redundant עס is used
- about inversions of subject and verb
- words for 'this' and 'that'

Dialogue 1

(CD2; 1)

It's a freezing winter day. Khane and Rokhl are dreaming of summer, but Dovid is happy with the cold weather.

רחל איך האָב פֿײַנט דעםווינטער! ווי לאַנג ביז די זון וועט נאָך אַ מאָל שײַנען?

חנה יאָ, ס'איז אַ בראָך! איך האָב געהערט אַז אַ גרויסער שטורעם קומט. איך מיין אַז עס וועט אָנהייבן שנייען אין אַ פּאָר שעה אַרום.

דוד אַ שטורעם? שניי? דאָס וועט זײַן וווּנדערבאַר! איך האָף אַז עס וועט אויך דונערן און בליצן.

חנה וואָס? האָסטו טאַקע ליב אַזאַ שרעקלעכן וועטער?

דוד יאָ, איך האָב אַזוי ליב ווינטער. איך האָב נישט אַזוי ליב די זון, און איך האָף אַז דער זומער וועט נישט זײַן צו וואַרעם.

רחל   וואָס זשע רעדסטו? איך קען זיך נישט דערוואַרטן אויפֿן זומער. איך האָף אַז עס וועט זײַן זייער הייס. איך וועל זיצן אין דרויסן די גאַנצע צײַט.

חנה   איך וועל ליגן אין גאָרטן און לייענען ראָמאַנען. און מיר וועלן קענען גיין שפּאַצירן אין פּאַרק!

דוד   פֿאַרוואָס וועט איר וואַרטן ביזן זומער? איך וועל איצט גיין שפּאַצירן אין פּאַרק.

רחל   ביסטו משוגע? עס גייט אַ רעגן, עס בלאָזט דער ווינט, דער הימל איז פֿול מיט וואָלקנס, און עס וועט באַלד שנייען!

דוד   יאָ, געוויי! עס איז אַ וווּנדערבאַרער וועטער פֿאַר אַ שפּאַציר!

Vocabulary

to hate (see language point 3, Unit 14, for explanation of how to form the past tense of this type of verb)	פֿײַנט האָבן
winter	ווינטער (דער), -ן\ס
will (see language point 1)	וועט
to start (see language point 2, Unit 13, for explanation of how to form the past tense of this type of verb)	אָנהייבן
to shine	שײַנען, גע-ט
disaster	בראָך (דער), -ן
storm	שטורעם (דער), -ס
to snow	שנייען, גע-ט
in . . . time (see language point 2)	אין . . . אַרום
wonderful	וווּנדערבאַר
to hope	האָפֿן, גע-ט
to thunder	דונערן, גע-ט
lightning (a verb with no English equivalent)	בליצן, גע-ט
warm	וואַרעם
outside	אין דרויסן
to walk; to take a walk (see language point 2, Unit 12, for explanation of how to form the past tense of this type of verb)	שפּאַצירן

wind	ווינט (דער), -ן
to blow	בלאָזן, גע-ן
cloud	וואָלקן (דער), -ס
exact; exactly	גענוי
walk	שפּאַציר (דער), -ן

Idioms

It's raining (literally: it goes a rain).	עס גייט אַ רעגן.
It's snowing (literally: it goes a snow).	עס גייט אַ שניי.
Oh no! How awful!	אַ בראָך!
I can't wait (for).	איך קען זיך נישט דערוואַרטן (אויף).

Additional vocabulary

tomorrow	מאָרגן
the day after tomorrow	איבערמאָרגן
spring	פֿרילינג (דער), -ען
autumn	האַרבסט (דער), -ן; אָסיען (דער), -ס

Here are the months of the year in Yiddish according to the Gregorian calendar. All month names are masculine.

January	יאַנואַר
February	פֿעברואַר
March	מאַרץ
April	אַפּריל
May	מײַ
June	יוני
July	יולי
August	אויגוסט
September	סעפּטעמבער
October	אָקטאָבער
November	נאָוועמבער
December	דעצעמבער

Language points

1 The future tense

The Yiddish future tense is very easy. It is formed with a special auxiliary verb that corresponds to English 'will' and conjugates like an irregular verb in the present tense:

Plural		Singular	
מיר וועלן We will	1st person plural	איך וועל I will	1st person singular
איר וועט You will	2nd person plural	דו וועסט You will	2nd person singular
זיי וועלן They will	3rd person plural	ער/זי/עס וועט He/she/it will	3rd person singular

There are three points to remember about this future auxiliary verb:

1 It has no infinitive and does not conjugate in any other tenses; its only use is to indicate future tense.
2 The ל of the base disappears in the second and third person singular and second person plural.
3 It is easy to confuse this future auxiliary verb with the irregular modal verb וועלן (to want). Just remember that the present tense forms of וועלן differ from the future auxiliary verb in that they all have a י (e.g. איך וויל) and a ל (e.g. ער וויל).

Take the form of the auxiliary verb that matches the subject of the sentence and place the verb you want to make future directly after it, in the infinitive. The resulting future verb looks like this:

איך **וועל ליגן** אין גאָרטן.
I'**ll lie** in [the] garden.

עס **וועט דונערן**.
It **will thunder**.

To negate a future verb, place נישט/ניט between the auxiliary verb and infinitive, e.g.:

עס **וועט נישט** דונערן.
It **won't** thunder.

Finally, remember that the Yiddish future tense can correspond to English 'will' and 'going to', depending on the context.

2 The expression אין ... אַרום (in ... time)

In Dialogue 1 Khane said,

עס וועט אָנהייבן שנייען **אין אַ פּאָר שעה אַרום.**
It's going to start snowing **in a few hours' time**.

The expression אין ... אַרום is used for saying when something is going to happen in the future. Just insert the amount of time into the blank in the middle.

Here are some more examples:

in a minute's time	אין אַ מינוט אַרום
in three hours' time	אין דרײַ שעה אַרום
in four days' time	אין פֿיר טעג אַרום
in a week's time	אין אַ וואָך אַרום
in two weeks' time	אין צוויי וואָכן אַרום
in a month's time	אין אַ חודש אַרום
in six months' time	אין זעקס חדשים אַרום
in a year's time	אין אַ יאָר אַרום
in ten years' time	אין צען יאָר אַרום

3 עס וועט זײַן (there will be)

The future equivalents of עס איז דאָ and עס זענען/זײַנען דאָ are as follows:

there will be (singular) — עס וועט זײַן

Example — **עס וועט זײַן** אַ גרויסער שטורעם אין ניו־יאָרק מאָרגן.
There's going to be a big storm in New York tomorrow.

there will be (plural) — עס וועלן זײַן

Example **עס וועלן זײַן** אַ סך שטורעמס די קומענדיקע וואָך.
There are going to be lots of storms next week.

Note that as in the past, in the future דאָ disappears from the expression.

To make this negative, put נישט/ניט between the auxiliary verb and זײַן, remembering to add קיין in the appropriate place. For example:

עס וועט **נישט** זײַן **קיין** גרויסער שטורעם אין ניו־יאָרק מאָרגן.
There **isn't** going to be a big storm in New York tomorrow.

עס וועלן **נישט** זײַן **קיין** סך שטורעמס די קומענדיקע וואָך.
There **aren't** going to be lots of storms next week.

4 Redundant עס

The word עס can be used in three different ways in Yiddish. You have already encountered two of these usages, both of which mirror English:

1 as a pronoun referring to a neuter subject

Example **עס** איז גוט. ← **דאָס בוך** איז גוט.
It is good. **The book** is good.

2 as a 'filler word' to start the sentence when there is no actual subject.

Example **עס** איז קאַלט אין דרויסן.
It's cold outside.

However, עס can also be used in sentences that already have a subject. For example, in Dialogue 1, Rokhl said,

עס בלאָזט **דער ווינט**.
The wind is blowing.

In this sentence עס is not strictly necessary because the sentence already has a subject, דער ווינט. This 'redundant' or 'expletive' use of עס is extremely widespread in Yiddish. It is particularly common in sentences referring to weather and the body, but it is acceptable in many other contexts as well. This use of עס is optional and doesn't

really change the meaning of the sentence, but because it is so frequent you should learn to recognize it, and as you progress in your study of Yiddish you'll start to use it naturally. If you start a sentence with redundant עס, just remember that the verb comes next, and only after it the 'real' subject. The following sentences show you further examples of this usage. Note that the English translation is the same whether or not עס is used.

די זון שײַנט. The sun is shining.	←	**עס** שײַנט די זון. The sun is shining.
אַ רעגן גייט. It's raining.	←	**עס** גייט אַ רעגן. It's raining.
דער קאָפּ טוט וויי. My (literally: the) head hurts.	←	**עס** טוט וויי דער קאָפּ. My (literally: the) head hurts.
אַ מענטש קומט. A person's coming.	←	**עס** קומט אַ מענטש. A person's coming.

Exercise 1

Insert the correct forms of the future auxiliary verb into this excerpt from Khane's journal.

רחל ________ פֿאָרן קיין תּל-אָבֿיבֿ אין אַ פּאָר וואָכן אַרום ווײַל זי
האָט פֿײַנט דעם קאַלטן ווינטער אין לאָנדאָן. איך האָב זי געפֿרעגט,
"וואָס ________ דו טאָן ווען דו ________ זײַן אין תּל-אָבֿיבֿ?"
רחל האָט געענטפֿערט, "איך ________ גיין צו חבֿרים." איך האָב
געפֿרעגט, "וואָס ________ איר טאָן צוזאַמען?" רחל האָט געלאַכט,
"מיר ________ גיין אין עסן אין רעסטאָראַנען און זיי ________
פֿאָרן מיט מיר קיין ירושלים. מיר ________ אויך ליגן אויף דער
פּלאַזשע. איך ________ ניט טראָגן קיין וואַרעמע קליידער און איך
________ ניט טראַכטן וועגן דער אַרבעט וואָס וואַרט אויף מיר אין
דער היים!"

Exercise 2 **(CD2; 2)**

Answer the following questions in Yiddish using the future tense.

1 מיינסטו אַז עס וועט גיין אַ רעגן מאָרגן?
2 ווי וועט זײַן דער וועטער אין אַ חודש אַרום?
3 וווּ וועסטו זײַן אין זעקס חדשים אַרום?
4 וועסטו פֿאָרן אויף אַ זומער־קורס אין אַ יאָר אַרום?
5 ווייסטו ווו דו וועסט וווינען אין פֿינף יאָר אַרום?
6 מיינסטו אַז דער וועטער וועט זײַן זייער הייס אין הונדערט יאָר אַרום?

Exercise 3

Describe what the weather is like in the following pictures.











Exercise 4

Rewrite these sentences using redundant עס.

1 אַ שניי גייט.
2 אַ שטורעם קומט.
3 דער האַלדז טוט מיר וויי.
4 די זון שײַנט.
5 אַ ווינט בלאָזט.

Dialogue 2

(CD2; 3)

Rokhl's friend Miriam is planning to come and visit her in London in the summer. She asks Rokhl what the weather will be like.

מרים איך בין קיין מאָל נישט געפֿאָרן קיין אײראָפּע. ווייסטו ווי דער וועטער וועט זײַן דעם זומער?

רחל עס איז אוממעגלעך צו וויסן. דער וועטער בײַט זיך כּסדר. דעם ווינטער, למשל, האָבן מיר געהאַט אַ סך רעגן און שטורעמס, אָבער אויך לאַנגע תּקופֿות מיט קלאָרע הימלען, און די וואָך איז דער וועטער גאַנץ וואַרעם.

מרים אָבער וואָס פֿאַר אַ וועטער האָט איר בדרך־כּלל זומערצײַט?

רחל זומערצײַט איז דער וועטער פּונקט אַזוי מאָדנע ווי ווינטערצײַט. פֿאַרגאַנגענעם זומער האָבן מיר געהאַט זייער הויכע טעמפּעראַטורן, אָבער אויך אַ סך רעגן און אַפֿילו גרויסע שטורעמס מיט דונער און בליצן.

מרים דאָס איז זייער מאָדנע. אפֿשר ווערט דער וועטער ווייניקער פֿאַרלאָזלעך ווײַל דער קלימאַט בײַט זיך. דער וועטער איז שוין אַנדערש אין אַ סך ערטער. לעצטנס בין איך געפֿאָרן קיין טאָראָנטאָ צו באַזוכן די משפּחה. עס איז געווען גאַנץ וואַרעם און עס איז נישט געווען קיין שניי. ווען איך בין געווען אַ קינד, האָבן מיר יעדעס יאָר געהאַט שניי אַ גאַנצן ווינטער.

רחל יאָ, אפֿשר ביסטו גערעכט. מע זאָגט אַז פֿריִער איז דער וועטער געווען אַנדערש אין ענגלאַנד אויך. אָבער אויף איין זאַך קען מען זיך פֿאַרלאָזן: אין לאָנדאָן איז דער הימל גרוי אין אַלע סעזאָנען!

Vocabulary

Europe	אייראָפּע (די)
impossible	אוממעגלעך
to change (oneself) (see language point 4, Unit 12)	בײַטן זיך
constantly	כּסדר [קעסיידער]
period	תּקופֿה [טקופֿע] (די), -ות
clear	קלאָר
usually	בדרך-כּלל [בעדערעך-קלאַל]
[in] summertime	זו̄מערצײַט
exactly	פּונקט
as...as	אַזו̄י . . . ווי
strange	מאָדנע
[in] wintertime	ווי̄נטערצײַט
last	פֿאַרגאַנגען
temperature	טעמפּעראַטו̄ר (די), -ן
even	אַפֿילו [אַפֿילע]
thunder	דונער (דער), -ן
lightning	בליץ (דער), -ן
less	ווײ̄ניקער
reliable	פֿאַרלאָזלעך
climate	קלימאַ̄ט (דער), -ן
different	אַנדערש
place	אָרט (דער/דאָס), ערטער
recently	לעצטנס
Toronto	טאָראָנטאָ
right (referring to a person)	גערע̄כט
to rely on (see language points 1 and 4, Unit 12)	פֿאַרלאָזן זיך אויף
season	סעזאָ̄ן (דער), -ען

Language points

5 Inversions

Yiddish sentences normally begin with the subject, followed by the verb, and then any direct objects, indirect objects, and adverbs. The following sentence is an example of this typical Yiddish word order:

איך זיץ אין פּאַרק איצט.
I'm sitting in [the] park now.

If you break down the sentence into its individual elements, it looks like this:

איצט	אין פּאַרק	זיץ	איך
Adverb	Indirect object (Preposition + noun)	Verb	Subject

However, Yiddish word order is very flexible, so it is possible to start with the direct object, indirect object, or adverb if you want to emphasize that part of the sentence, and add the subject later.

Having said that, there is one strict rule concerning Yiddish word order: the verb must be in the second position in the sentence. So if you want to start the above sentence with the adverb איצט in order to emphasize it, you have a problem because the resulting sentence breaks this rule. For example, the following sentence is incorrect in Yiddish:

איצט איך זיץ אין פּאַרק.
Now I sit in [the] park.

In order to solve this problem, you have to switch the subject and the verb so that the verb remains in second position. All the other words in the sentence remain in exactly the same place. The resulting sentence is perfectly acceptable in Yiddish:

איצט זיץ איך אין פּאַרק.
Now I sit (literally: sit I) in [the] park.

This phenomenon of switching the subject and verb is called 'inversion'. Inversion is compulsory in Yiddish whenever the sentence starts

with a word other than the subject. There are four main categories of words and phrases that trigger inversion:

1 Adverbs:

Example	**מאָרגן** פֿאָר איך קיין טאָראָנטאָ.	←	איך פֿאָר קיין טאָראָנטאָ **מאָרגן**.
	Tomorrow I'm travelling to Toronto.		I'm travelling to Toronto **tomorrow**.

2 Prepositional phrases (usually an indirect object composed of a preposition and a noun):

Example	**אין לאָנדאָן** איז דער הימל גרוי.	←	דער הימל איז גרוי **אין לאָנדאָן**.
	In London the sky is grey.		The sky is grey **in London.**

3 Direct objects (putting the direct object at the beginning of a sentence places emphasis on it):

Example	**די וואָלקנס** זע איך.	←	איך זע **די וואָלקנס**.
	I see ***the clouds*** (literally: the clouds I see).		I see **the clouds.**

4 A dependent clause (part of a sentence) followed by a main clause: in sentences with two parts separated by a comma, usually only one part can exist as a sentence on its own, while the other is dependent (i.e. it depends on the other part of the sentence in order to make sense). Dependent clauses often start with words like ווען, אַז, or אויב.

Example	Independent clause	Dependent clause
	האָבן מיר געהאַט שניי אַ גאַנצן ווינטער.	**ווען איך בין געווען אַ קינד,**
	We had snow all winter.	**When I was a child,**

Often a direct quote takes the place of the dependent clause:

Example	Independent clause	Direct quote
	זאָגט דוד.	**"איך האָב ליב ווינטער",**
	says Dovid	**'I love winter',**

In addition to these four categories, it is quite common in Yiddish to invert the subject and verb in a sentence in order to convey the idea of 'so', e.g.:

> עס איז קאַלט אין דרויסן, טראָג איך אַ מאַנטל.
> It's cold out, so I'm wearing a coat.

This practice is quite common in stories, in which clause after clause and even sentence after sentence may have inverted word order. Look out for examples of this in the text at the end of this unit.

6 'This' and 'that'

Yiddish has no special word for 'this' and does not always use the word for 'that'. The most common way of expressing both 'this' and 'that' is to use the definite article. In spoken Yiddish you add extra stress to the article when using it to mean 'this' or 'that', but in written Yiddish you have to infer the meaning from the context. For example:

> איך האָב געלייענט **דאָס** בוך.
> I've read **this/that** book.

In addition, it is possible to put the word אָט (just) before the article in order to emphasize this meaning:

> איך האָב געלייענט **אָט דאָס** בוך.
> I've read **this/that** book.

Alternatively, you can add the adjective דאָזיק, which is not used outside this context, after the article. This serves the same function of emphasizing the meaning 'this'/'that'. דאָזיק declines like a normal adjective:

> איך האָב געלייענט **דאָס דאָזיקע** בוך.
> I've read **this/that** book.

Finally, there is a special word for 'that', the adjective יענער, which can be used when you particularly want to stress that the noun in question is far away from you in time and/or space. יענער declines

similarly to יעדער (each/every): it has no base form and the neuter form is יענס. For example:

איך האָב געלייענט **יענס** בוך.
I've read **that** book.

Culture point

The Jewish calendar

The Jewish calendar has 12 months of 29 or 30 days each. The months are based on the lunar cycle, with the new moon marking the first day of the month. However, this lunar system is modified by adding a 'leap month' every few years in order to keep in line with the solar year and thereby ensure that the Jewish festivals always fall in the same season.

Below is a list of the Jewish months. These month names are often used instead of the international month names in Haredi circles and when discussing traditional Jewish topics, e.g. festivals. Each Jewish month falls over parts of two international months. The months are all masculine.

September/October	תּישרי [טישרע]
October/November	חשוון [כעזשוון]
November/December	כּיסלו [קיסלעוו]
December/January	טבֿת [טייוועס]
January/February	שבֿט [שוואַט]
February/March	אָדר [אָדער]
March/April (in leap years only)	אָדר ב׳ [אָדער בייס]
March/April	ניסן [ניסן]
April/May	אייר [איִער]
May/June	סיוון [סיוון]
June/July	תּמוז [טאַמעז]
July/August	אָבֿ [אָוו]
August/September	אלול [עלעל]

Exercise 5

Rewrite these sentences by placing the words in bold at the beginning of the sentence and inverting the subject and verb.

1 איך שלאָף אַ סך **ווינטערצײַט**.
2 רחל זאָגט, „**איך האָב פֿײַנט ווינטער**".
3 דער הימל איז געווען בלוי **נעכטן**.
4 חנה איז שטענדיק הונגעריק **ווען עס איז קאַלט אין דרויסן**.
5 דער וועטער איז זייער מאָדנע **אין די מאָדערנע צײַטן**!
6 איך קען **דודן**, נישט רחלען.

Supplementary text

(CD2; 4)

Here is another folk-tale about the Jews of Chelm, in which they use their own special reasoning to keep the winter snow from getting covered in footprints.

ווינטער אין כעלעם

די כעלעמער ייִדן האָבן שטאַרק ליב געהאַט דעם קאַלטן וועטער. יעדן ווינטער זענען זיי געוואָרן שטאַרק צופֿרידן ווען דער ערשטער שניי איז געפֿאַלן אין שטעטל. זיי האָבן ליב געהאַט צו זען ווי דאָס גאַנצע כעלעם ווערט ווײַס און שיין. זיי האָבן געוואַרט אַ גאַנצן האַרבסט און געהאָפֿט אַז דער שניי וועט באַלד קומען. חשוון-צײַט איז דער שניי געפֿאַלן און די כעלעמער זענען געווען מלא-שׂימחה. זענען זיי געשטאַנען אין דרויסן כּדי צו קוקן אויפֿן שיינעם שניי. אָבער זיי זענען געוואָרן אומעטיק ווען זיי האָבן געזען ווי דער שניי ווערט ברוין און שמוציק פֿון זייערע שיך. האָבן זיי געטראַכט און געטראַכט וואָס צו טאָן כּדי דער שניי זאָל בלײַבן ריין. האָט איין כעלעמער געזאָגט, „לאָמיר שיקן אַ מענטשן וואָס וועט גיין איבער די גאַסן און שרײַען אַז אַלע מוזן בלײַבן אין דער היים." אָבער די אַנדערע כעלעמער האָבן געזאָגט אַז דאָס וועט נישט העלפֿן, ווײַל דער מענטש וועט אַליין מאַכן דעם שניי שמוציק מיט זײַנע שיך. „וואָס קענען מיר טאָן?" האָבן זיי געפֿרעגט. צום סוף האָבן די כעלעמער געפֿונען אַ לייזונג וואָס אַלע האָבן ליב געהאַט: דער מענטש וואָס וועט שרײַען אַז מע מוז בלײַבן אין דער היים וועט אַליין נישט גיין איבערן שניי – פֿיר אַנדערע מענטשן וועלן אים טראָגן!

Unit Eleven

איך האָב פֿײַנט מײַן אַרבעט!

I hate my job!

In this unit you will learn:

- how to talk about work and professions
- how to make comparisons
- comparative and superlative adjectives and adverbs
- masculine and feminine names of professions
- when to use צו before infinitives
- about omitting דו

Dialogue 1

(CD2; 6)

Dovid hates working as an administrator in a lawyer's office. He, Rokhl, and Khane discuss the advantages and disadvantages of various other professions.

רחל פֿאַרוואָס קומסטו אַזוי שפּעט? מיר וואַרטן אויף דיר שוין אַ שעה!

דוד זײַט מוחל! איך האָב געמוזט בלײַבן בײַ דער נאַרישער אַרבעט. די אַדוואָקאַטן האָבן מיר געגעבן אַ באַרג מיט אַרבעט פּונקט ווען איך האָב געוואָלט אַוועקגיין. מיט צוויי שעה שפּעטער בין איך נאָך געזעסן בײַם קאָמפּיוטער. איך האָב פֿײַנט מײַן אַרבעט! איך וויל נישט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין אַ ביוראָ! איך וויל שרײַבן אַ דאָקטאָראַט אַזוי ווי דו, רחל.

רחל מיינסטו אַז דאָס וועט זײַן בעסער? עס ווערט שווערער און שווערער צו זײַן אַ דאָקטאָראַנט אָדער אַקאַדעמיקער. מען אַרבעט לענגערע שעהען, עס זענען דאָ ווייניקער פּאָזיציעס, און דאָס געהאַלט ווערט קלענער.

דוד אָבער דײַן אַרבעט איז אַ סך אינטערעסאַנטער און באַקוועמער! דו קענסט שלאָפֿן ביז שפּעט און דו דאַרפֿסט נישט גיין אין ביוראָ.

חנה אפֿשר קענסטו שטודירן אויף לערער אָדער ביבליאָטעקער? דאָס איז לײַכטער ווי שרײַבן אַ דאָקטאָראַט. מײַן מאַמע אַרבעט אין אַ ביבליאָטעק און זי האָט עס ליב.

דוד יאָ, דאָס איז אַ גוטער געדאַנק. עס קען נישט זײַן ערגער ווי מײַן אַרבעט!

רחל ס'קען יאָ זײַן ערגער! מײַן ייִנגערע שוועסטער שטודירט אויף ביבליאָטעקערין און זי האָט עס פֿײַנט.

חנה טאָ וואָס איז אַ בעסערע פּראָפֿעסיע?

רחל ס'איז בעסער בכלל נישט צו אַרבעטן!

Vocabulary

lawyer (see language point 3)	אַדוואָקאַט (דער), ־ן
. . . later (see language point 1)	מיט . . . שפּעטער
office	ביוראָ (דער/דאָס), ־ען
doctorate, PhD	דאָקטאָראַט (דער), ־ן
more difficult (see language point 1)	שווערער
(male) PhD student (see language point 3)	דאָקטאָראַנט (דער), ־ן
academic (see language point 3)	אַקאַדעמיקער (דער), ־ס
longer (see language point 1)	לענגער
position	פּאָזיציע (די), ־ס
salary	געהאַלט (דאָס), ־ן
more interesting (see language point 1)	אינטערעסאַנטער
more comfortable (see language point 1)	באַקוועמער
(male) teacher (see language point 3)	לערער
(male) librarian (see language point 3)	ביבליאָטעקער (דער), ־ס
easier (see language point 1)	לײַכטער
idea	געדאַנק (דער), ־ען
worse (see language point 1)	ערגער
(female) librarian (see language point 3)	ביבליאָטעקערין (די), ־ס

Idiom

to study in order to become a (doctor, teacher, lawyer)	שטודירן אויף (דאָקטער, לערער, אַדוואָקאַט)

Language points

1 Comparative adjectives

■ Forming the comparative

Yiddish has a special form of the adjective which is used when you want to compare different things and say that one is better, worse, bigger, smaller, etc. This comparative form is made by adding the suffix ער- to the adjective's base form. For example:

לײַכט**ער**	←	לײַכט
easier		easy

This practice is just like English (e.g. easy/easier, big/bigger). However, unlike English, Yiddish uses the ער- even on long adjectives:

אינטערעסאַנט**ער**	←	אינטערעסאַנט
more interesting		interesting
באַקוועמ**ער**	←	באַקוועם
more comfortable		comfortable

In addition, in many cases the vowel in the base of an adjective changes when the comparative suffix is added. Here are the most common types of vowel changes:

1.

	ע	←	אַ אָ וי ײ
Examples	**ע**לט**ער**	←	**אַ**לט
	ק**ע**לט**ער**	←	ק**אַ**לט
	נ**ע**נט**ער**	←	נ**אָ**ענט
	גר**ע**ס**ער**	←	גר**וי**ס
	ה**ע**כ**ער**	←	ה**וי**ך
	קל**ע**נ**ער**	←	קל**ײ**ן
	ש**ע**נ**ער**	←	ש**ײ**ן

2.	י	←	ו
Examples	**ייִנגער**	←	יונג
	פֿרימער	←	פֿרום
	קירצער	←	(short) קורץ
	געזינטער	←	געזונט

It is important to note that not all adjectives containing the vowels listed above will change when the comparative suffix is added. For example, the comparative form of קראַנק (sick) is קראַנק**ער** (sicker), with no vowel change. It is best to memorize the most common comparatives with vowel changes as you encounter them. Such forms are listed in the glossary, as well as in Yiddish dictionaries.

In addition, there are two adjectives with completely irregular comparative forms:

בעסער	←	גוט
ערגער	←	(bad) שלעכט

Note that the stress of a comparative adjective stays on the same syllable as in the base form, e.g. באַקווע́ם, באַקווע́מער.

■ Using the comparative

Comparative adjectives function just like other adjectives, i.e. they can be found in two positions, either after a verb or directly before the noun that they modify. When they appear after a verb, they never decline; only the base form is used, for example:

דײַן אַרבעט איז **לײַכטער**.
Your job is **easier**.

די שעהען ווערן **לענגער**.
The hours are getting **longer**.

However, when they appear directly before the noun, they take the normal gender and case suffixes. Be careful not to confuse the comparative suffix ער- with the masculine nominative and feminine dative suffix, which (coincidentally) is also ער-. Sometimes an adjective will have two ער- suffixes in a row, the first being the comparative suffix and the second one the gender/case suffix, as in the first example below.

דער עלטערער ברודער אַרבעט אין אַ ביבליאָטעק.
The old**er** (masculine nominative) brother works in a library.

מײַן ייִנגערע שוועסטער שטודירט אויף ביבליאָטעקערין.
My young**er** (feminine nominative) sister is studying to be a librarian.

איך רעד מיט דער ייִנגערער שוועסטער.
I'm talking to the young**er** (feminine dative) sister.

The Yiddish equivalents of English 'than' are ווי followed by a noun in the nominative case or פֿון followed by a noun in the dative case. These are interchangeable and equally acceptable. For example:

די שוועסטער איז עלטער **ווי דער** ברודער.
די שוועסטער איז עלטער **פֿון דעם** ברודער.
The sister is older **than the** brother.

2 Comparative adverbs

Comparative adverbs are identical to the base form of comparative adjectives:

די שוועסטער זינגט **שענער** ווי דער ברודער.
The sister sings **more beautifully** than the brother.

3 Masculine and feminine names of professions

Most Yiddish nouns describing professions have a masculine form and a feminine form. The masculine form often ends in ער-, e.g. לערער, ביבליאָטעקער, but may end in יסט-, e.g. זשורנאַ**ליסט** (journalist), or have no special ending, e.g. אַדוואָקאַט.

There are a few different ways of forming the feminine version.

1 The feminine form of professions ending in ער- is made by adding either קע- or ין-. Both are equally acceptable.

Example לערער ← לערער**קע**
לערערין

2 The feminine form of *loshn-koydesh* professions is usually made by adding טע-.

Example [מעכאַבערטע] **מחברטע** ← [מעכאַבער] מחבר
(author)

3 The feminine form of professions ending in אַר- or אָר- is usually made by adding שע-.

Example **פּראָפֿעסאָרשע** ← פּראָפֿעסאָר
(professor)

4 In most other cases the feminine form is made with קע-.

Examples **דאָקטאָראַנטקע** ← דאָקטאָראַנט
זשורנאַליסטקע ← זשורנאַליסט

Final points to note:

- The stress of the word does not change when the feminine suffix is added.
- The plural of all feminine nouns describing professions is ס-.
- In the case of professions not traditionally held by women, the masculine form may be used with reference to a woman, e.g. זי איז אַן אַקאַדעמיקער. In such cases masculine adjectives are used, e.g. זי איז אַ גוטער אַקאַדעמיקער.

Exercise 1

Insert comparative adjectives into these sentences, using the base form in brackets.

1 רחלס אַרבעט איז ________ [אינטערעסאַנט] ווי דודס אַרבעט.
2 ניו-יאָרק איז ________ [גרויס] ווי מאָנטרעאָל.
3 דודס אַרבעט איז ________ [שווער] פֿון חנהס אַרבעט.
4 רחל זאָגט אַז עס איז ________ [גוט] בכלל נישט צו אַרבעטן.
5 דער סטודענט איז ________ [מיד] ווי דער לערער.
6 רחלס שוועסטער איז ________ [יונג] ווי רחל.
7 מײַן נײַע פּאָזיציע איז ________ [שלעכט] פֿון מײַן אַלטער פּאָזיציע.
8 ווילנע איז ________ [קליין] ווי מעלבורן.

Exercise 2 (CD2; 7)

Read this excerpt from Khane's journal and insert the correct comparative form of the adjectives in brackets. Remember to add the appropriate gender and case suffixes.

דוד וויל אַ ______ (גוט) אַרבעט. ער זאָגט, "אָפֿשר וועל איך ווערן
אַ ביבליאָטעקער." רחל זאָגט, "דער איז מײַן ______ (יונג)
שוועסטער. זי וועט דיר זאָגן אַז דו וועסט זײַן אין אַן ______
(שלעכט) און ______ (שווער) פּאָזיציע אויב דו וועסט ווערן אַ
ביבליאָטעקער. אַ ______ (קלוג) געדאַנק איז צו ווערן אַ
געשעפֿטסמאַן. דאָס איז אַ ______ (שיין) פּראָפֿעסיע." דוד זאָגט,
"אָבער געשעפֿטסלײַט אַרבעטן ______ (לאַנג) שעהען און האָבן
______ (קורץ) וואַקאַציעס. איך וויל אַ ______ (לײַכט),
______ (אינטערעסאַנט) פּראָפֿעסיע ווי איצט."

Exercise 3

Write a paragraph comparing two things, people, or places of your choice.

Dialogue 2

(CD2; 8)

Dovid tells his uncle Yankl that he is thinking of leaving his job in order to do a PhD in Yiddish Studies. Yankl worries that this might not be a good career move.

יאַנקל	נו, דודל, וואָס הערט זיך? וואָס טוט זיך בײַ דער אַרבעט?
דוד	דעם אמת געזאָגט, מיין איך אַז איך וועל זיך באַלד אָפּזאָגן פֿון דער אַרבעט.
יאַנקל	וואָס? האָסטו געפֿונען אַ בעסערע פּאָזיציע אין אַ גרעסערער פֿירמע?
דוד	ניין, איך וויל שרײַבן אַ דאָקטאָראַט אין ייִדישע לימודים.

יאַנקל ביסט אַראָפּ פֿון זינען? וואָס וועסטו קענען טאָן מיט דעם? דו וועסט ווערן אַ קעלנער, אָדער אַ פֿאַבריק-אַרבעטער, אָדער אַ בעטלער! דו וועסט זײַן דער גרעסטער קבצן אין לאָנדאָן!

דוד זאָרג זיך נישט, טאַטע! איך קען אַ סך מענטשן וואָס אַרבעטן מיט ייִדיש. רחל וועט באַלד ענדיקן אַ דאָקטאָראַט וועגן ייִדישע שרײַבער און אַפּליקירט איצט אויף פֿאַרשיידענע אַקאַדעמישע פּאָסטנס. איר חבֿרטע אסתּר איז אַ זשורנאַליסטקע בײַם ייִדישן "פֿאָרווערטס", און איר חבֿרטע מרים איז אַ ייִדיש לערערקע. איך וועל אויך געפֿינען אַרבעט מיט ייִדיש.

יאַנקל דאָס איז דער ערגסטער פּלאַן וואָס איך האָב אַ מאָל געהערט! די קליגסטע זאַך וואָס דו קענסט טאָן איז בלײַבן ווו דו ביסט. פּרנסה איז אויך וויכטיק.

דוד אָבער תּורה איז די בעסטע סחורה! אפֿשר וועל איך זײַן דער אָרעמסטער פֿון דײַנע פּלימעניקעס, אָבער איך וועל אויך זײַן דער גליקלעכסטער.

Vocabulary

אָפּזאָגן זיך (פֿון)	to resign (see language point 4, Unit 12, and language point 2, Unit 13)
פֿירמע (די), -ס	firm
לימודים (plural)	studies
קעלנער (דער), -סו-	waiter
פֿאַבריק (די), -ן	factory
אַרבעטער (דער), -סו-	worker
בעטלער (דער), -סו-	beggar
גרעסטער	biggest (see language point 4)
קבצן [קאַפּצן] (דער), -ים [קאַפּצאָנים]	pauper
זאָרגן זיך, זיך גע-ט	to worry (see language point 4, Unit 12)
שרײַבער (דער), -סו-	writer
אַפּליקירן (אויף)	to apply (for) (see language point 2, Unit 12)
פֿאַרשיידן (often pronounced פֿאַרשידן)	various
פּאָסטן (דער), -ס	post, position
ערגסט	worst (see language point 4)

cleverest (see language point 4)	קליגסט
livelihood, a living	פּרנסה [פּאַרנאָסע] (די), -ות
important	וויכטיק
Torah	תּורה [טוירע] (די), -ות
merchandise	סחורה [סכוירע] (די), -ות
poorest (see language point 4)	אָרעמסט
happy	גליקלעך
happiest (see language point 4)	גליקלעכסט

Idioms and proverbs

What's new? (literally: what's heard?)	וואָס הערט זיך?
What's going on? (literally: what's done?)	וואָס טוט זיך?
to tell the truth (literally: the truth told)	דעם אמת געזאָגט
out of one's mind	אַראָפּ פֿון זינען
Torah is the best merchandise (i.e. education and Jewish learning are the most important pursuits).	תּורה איז די בעסטע סחורה.

Language points

4 Superlative adjectives

■ Forming the superlative

As well as saying that one thing is better, worse, or bigger than another, you can say that it is the best, the worst, the biggest. This is called the superlative form of the adjective. It is easy to form the superlative in Yiddish. Just follow these steps:

1 Take the **comparative form** of the adjective.

Examples לײַכטער
שענער
ייִנגער
בעסער
ערגער

2 Remove the comparative ער- suffix. In some cases the resulting form will be the same as the original base of the adjective, but if there is a vowel change in the comparative, this will remain.

Examples לײַכט-
שענ-
ייִנג-
בעס-
ערג-

3. Add the superlative suffix סט- onto this form.

Examples לײַכט**סט**
שענ**סט**
ייִנג**סט**
ערג**סט**

Note:
If the base of the adjective ends in ס, don't add another; just add ט-.

Examples זיס**ט** ← (sweet) זיס-
בעס**ט** ← בעס-

■ Using superlative adjectives

The superlative form of the adjective is not used on its own; instead, it always appears together with the definite article. (This is the same as English, e.g. 'the best', 'the biggest'.) Therefore you need to use the definite article that matches the noun associated with the superlative adjective. If the superlative adjective follows the verb of the sentence, its article will always be nominative, so you just need to match it with the gender of the preceding noun. Look at the following examples:

דער ברודער איז **דער** ייִנגסט**ער**.
That brother is the youngest (masculine nominative).

די שוועסטער איז **די** ייִנגסט**ע**.
That sister is the youngest (feminine nominative).

דאָס קינד איז **דאָס** ייִנגסט**ע**.
That child is the youngest (neuter nominative).

If the superlative is directly modifying a noun, you have to make sure you put it in the right case as well. For example:

> דוד זעט **דעם** ייִנגסטן ברודער.
> Dovid sees the youngest brother (masculine accusative).

> רחל רעדט מיט **דער** ייִנגסטער שוועסטער.
> Rokhl's talking to the youngest sister (feminine dative).

Finally, if the adjective directly follows a possessive construction (e.g. מײַן, דײַן, זײַן or a construction like דודס ברודער), don't add the definite article. For example:

> **איר עלטסטע** שוועסטער וווינט אין מעלבורן.
> **Her eldest** sister lives in Melbourne.

> **דודס ייִנגסטער** ברודער אַרבעט אין אַ קאַפֿע.
> **Dovid's youngest** brother works in a café.

5 Superlative adverbs

Superlative adverbs are formed with צום or -אַמ followed by the superlative adjective with the masculine singular accusative suffix, e.g.:

> רחל זינגט **צום שענסטן**.
> רחל זינגט **אַמשענסטן**.
> Rokhl sings **the most beautifully.**

6 When to use צו before infinitives

The Yiddish word צו often appears before infinitives, just like the English 'to' as in 'to run', 'to go'. In most cases this צו is optional and the sentence is perfectly correct either way, as in the following examples:

> דוד האָט פֿײַנט אַרבעטן אין אַ ביוראָ.
> דוד האָט פֿײַנט **צו** אַרבעטן אין אַ ביוראָ.
> Dovid hates to work in an office.

However, there are some rules governing the use of צו before infinitives. צו is *not* used in the following cases:

1 after modal verbs

Example דוד וויל געפֿינען אַ נײַע אַרבעט.
Dovid wants to find a new job.

2 after the verbs העלפֿן, בלײַבן, ענדיקן, פּרוּוון (try), בעטן, לערנען, and לערנען זיך (learn)

Examples רחל ענדיקט שרײַבן אַ דאָקטאָראַט.
Rokhl is finishing writing a PhD.

חנה העלפֿט דודן געפֿינען אַ נײַע אַרבעט.
Khane is helping Dovid find a new job.

3 after verbs of motion, e.g. גיין, קומען, פֿאָרן

Example רחל פֿאָרט קיין אַמעריקע זוכן אַרבעט.
Rokhl is going to America to look for work.

Conversely, צו must be used in sentences starting with עס + זײַן + adjective.

Example עס איז שווער **צו** זײַן אַ סטודענט.
It's hard to be a student.

It is also typically used after ליב האָבן and פֿײַנט האָבן.

Example איך האָב ליב **צו** אַרבעטן דאָ.
I like to work here.

In other cases, you can choose whether or not to use צו before an infinitive.

7 Omitting דו

It is relatively common in Yiddish to omit the pronoun דו, particularly in questions and sentences with inversions. You saw an example of this in Dialogue 2, when Yankl said,

ביסט אַראָפּ פֿון זינען?
Are [you] out of your mind?

Exercise 4

Insert the correct superlative adjectives using the base forms in brackets. Remember to add the appropriate article (if needed) and gender/case suffixes.

1 דוד מיינט אַז זײַן אַרבעט איז ד____ ________ [שלעכט] אויף דער וועלט.
2 רחל זאָגט אַז אַקאַדעמיקערס אַרבעטן ד____ ________ [לאַנג] שעהען פֿון אַלע פּראָפֿעסיעס.
3 אַ ייִדיש שפּריכוואָרט (proverb) זאָגט, "ד____ ________ [שווער] אַרבעט איז ליידיק צו גיין".*
4 אָבער רחל זאָגט, "ד____ ________ [גוט] פּראָפֿעסיע איז בכלל נישט צו אַרבעטן!"
5 דודס ____ ________ [יונג] ברודער לערנט אין ישיבֿה.
6 רחל שטודירט אין ד____ ________ [גרויס] אוניווערסיטעט אין ענגלאַנד.
7 איך וויל נאָר טאָן ד____ ________ [לײַכט] אַרבעט!
8 רחל מיינט אַז זי וווינט אין ד____ ________ [קליין] דירה אין לאָנדאָן.

* to go idle (literally: empty)

Exercise 5

Make sentences with superlative adjectives describing the following groups of three. Use the adjectives provided.

Example

רחל וווינט אין לאָנדאָן שוין 5 יאָר.
דוד וווינט אין לאָנדאָן זײַן גאַנץ לעבן.
חנה וווינט אין לאָנדאָן שוין 3 יאָר.
לאַנג-
קורץ-

← דוד וווינט די לענגסטע צײַט אין לאָנדאָן.
חנה וווינט די קירצסטע צײַט אין לאָנדאָן.

1 רחל אַרבעט 30 שעה אַ וואָך.
דוד אַרבעט 45 שעה אַ וואָך.
חנה אַרבעט 35 שעה אַ וואָך.
לאַנג-
קורץ-

2 חנהס הויז האָט זעקס צימערן.
דודס הויז האָט אַכט צימערן.
רחלס דירה האָט דרײַ צימערן.
-גרויס
-קליין

3 דודס זיידע איז 91 יאָר אַלט.
דודס פֿעטער איז 73 יאָר אַלט.
דודס פּלימעניק איז 7 יאָר אַלט.
-אַלט
-יונג

Exercise 6

Insert צו into these sentences if appropriate.

1 עס איז נישט גוט אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג.
2 רחל העלפֿט דודן אַפּליקירן אויף דאָקטאָראַט-פּראָגראַמען (programmes).
3 מיר קענען פֿאַרשטיין אַ סך ייִדיש.
4 דוד וויל געפֿינען אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט.
5 חנה לערנט זיך זינגען ייִדישע לידער.
6 דוד זאָגט, "איך גיי זוכן אַ נײַע אַרבעט!"

Supplementary text

(CD2; 10)
This is a story about an encounter between a beggar and the famous financier and philanthropist Baron Rothschild.

דער באַראָן ראָטשילד און דער בעטלער

אַ מאָל איז אַן אָרעמער בעטלער געקומען צו ראָטשילדן. אַ דינער בײַ דער טיר האָט אים געפֿרעגט וואָס ער וויל. "איך מוז זען דעם באַראָן," האָט דער בעטלער געענטפֿערט.

האָט דער דינער אים גענומען צו ראָטשילדס סעקרעטאַר, וואָס האָט אים געפֿרעגט, "מיט וואָס קען איך אײַך העלפֿן?"

האָט דער בעטלער געענטפֿערט, "איך האָב אַ וויכטיקן ענין צו דיסקוטירן מיטן באַראָן." דער סעקרעטאַר האָט געזאָגט אַז דער באַראָן איז זייער

פֿאַרנומען און האָט איצט נישט קיין צײַט צו רעדן מיט אים. "עס וועט זײַן גיכער און בעסער צו רעדן מיט מיר," האָט ער געזאָגט. אָבער דער בעטלער איז געווען אַן עקשן. "ניין," האָט ער געזאָגט. "איך וויל רעדן נאָר מיטן באַראָן." צום סוף האָט דער סעקרעטאַר געמוזט נאָכגעבן און איז געגאַנגען זאָגן דעם באַראָן אַז ער מוז רעדן מיטן בעטלער.

איז ראָטשילד געקומען און האָט געפֿרעגט דעם בעטלער וואָס ער וויל. "נו, גאָרנישט, אין דער אמתן" האָט דער בעטלער געענטפֿערט. "איך האָב נאָר געוואָלט בעטן אַ נדבֿה בײַ אײַך".

איז דער באַראָן געוואָרן אין כּעס. "איר האָט מיך געשטערט נאָר כּדי צו בעטן אַ נדבֿה? פֿאַרשטייט איר נישט אַז איך האָב גרעסערע און וויכטיקערע געשעפֿטן צו פֿירן? פֿאַרוואָס האָט איר נישט געקענט בעטן בײַ מײַן סעקרעטאַר?" האָט ער געפֿרעגט.

"מײַן טײַערער באַראָן," האָט דער בעטלער געענטפֿערט, "איך ווייס אַז איר זײַט דער גרעסטער געשעפֿטסמאַן אויף דער וועלט, אָבער ביטע, גיט מיר נישט קיין עצות וועגן בעטלערײַ!"

Unit Twelve

וויפֿל האָסטו באַצאָלט פֿאַר די קאָמפּאַקטלעך?

How much did you pay for the CDs?

In this unit you will learn:

- how to talk about buying things, prices, and currencies
- unstressed prefixed verbs
- verbs ending in ־ירן
- about omitting the definite article after prepositions
- verbs with זיך
- about Eastern European Jewish music

Dialogue 1

(CD2; 12)

Dovid goes to buy CDs in a bookshop run by Yiddish-speaking Hasidic Jews.

דוד: האָט איר קאָמפּאַקטלעך מיט ייִדישער מוזיק?

קרעמער: יאָ, אַוודאי. וואָס זוכט איר? חזנות? חסידישע ניגונים?

דוד: אפֿשר חסידישע ניגונים. קענט איר עפּעס רעקאָמענדירן?

קרעמער: לאָמיר זען. קענט איר דאָס? עס איז זייער שיין.

דוד: האָט עס נאָר ניגונים, אָדער זענען דאָ אויך לידער מיט ווערטער?

קרעמער: דאָס זענען נאָר ניגונים. פֿאַרוואָס ווילט איר דווקא ווערטער?

דוד: איך לערן זיך ייִדיש און איך האָב ליב צו הערן לידער מיט ייִדישע ווערטער.

קרעמער: איר לערנט זיך ייִדיש? איז דער לערער אַ ליטוואַק? אײַער שפּראַך קלינגט ליטוויש.

דוד — ניין, איך האָב שטודירט כּלל-ייִדיש. עס איז נישט פּונקט ווי ליטוויש ייִדיש, אָבער זייער ענלעך.

קרעמער — לאָמיר טראַכטן. האָט איר ליב יום טובֿ ערליכן? ער זינגט אויף ייִדיש.

דוד — יאָ, איך האָב אים ליב. האָט איר דאָס קאָמפּאַקטל מיטן ליד "יעקבֿ"?

קרעמער — איך ווייס אַז מיר האָבן עס לעצטנס באַשטעלט, אָבער איך האָב נאָך נישט קאָנטראָלירט צי עס איז שוין אָנגעקומען. וואַרט אַ רגע, כ'וועל געבן אַ קוק אין ביוראָ. יאָ, מיר האָבן עטלעכע. איר ווילט נעמען?

דוד — יאָ, ביטע.

קרעמער — זײַט אַזוי גוט. זײַט געזונט, און האָט הנאָה פֿון די לידער – דאָרטן וועט איר הערן אַ היימיש לשון, נישט קיין כּלל-ייִדיש!

Vocabulary

CD	קאָמפּאַקטל (דאָס), -עך
music	מוזיק (די), –
shopkeeper	קרעמער (דער), -ס
certainly, of course	אַוודאי [אַוואַדע]
to look for	זוכן, גע-ט
Jewish cantorial/liturgical music (see culture point)	חזנות [כאַזאָנעס] (דאָס), –
melody (often used in reference to wordless Hasidic melodies) (see culture point)	ניגון [ניגן] (דער), -ים [ניגונים]
to recommend (see language point 2)	רעקאָמענדירן
of all things; precisely	דווקא [דאַפֿקע]
Lithuanian Jew	ליטוואַק (דער), -עס
Lithuanian Yiddish	ליטוויש
studied (see language point 2)	שטודירט ← שטודירן
Standard Yiddish	כּלל [קלאַל]-ייִדיש (דאָס)
similar	ענלעך
Yom Tov Ehrlich (a popular Hasidic singer)	יום טובֿ [יאָנטעף] ערליך
Yaakov (Jacob) (a famous song by Yom Tov Ehrlich about an Eastern European Jewish refugee in Uzbekistan during World War 2)	יעקבֿ [יאַנקעוו]*
ordered (see language point 1)	באַשטעלט ← באַשטעלן

* pronounced יאַקאָוו in this song

whether (followed by inversion)	צי
arrived (see language point 2, Unit 13)	אָנגעקומען ← אָנקומען
moment	רגע [רעגע] (די), ־ס
contraction of איך	כ'
some	עטלעכע
here you are (in the above context)	זײַ אַזוי גוט (singular) זײַט אַזוי גוט (plural)
to enjoy (see language point 3, Unit 14)	הנאָה [האַנויע] האָבן
homey; traditional	היימיש

Idiom

to take (literally: give) a look — געבן אַ קוק

Language points

1 Unstressed prefixed verbs

While most Yiddish verbs conjugate like the ones that we have studied so far, there are several groups of verbs that work slightly differently. One such group is called 'unstressed prefixed verbs'. Verbs belonging to this category start with a prefix that does not get the accent when you pronounce the word. You already know quite a few of these verbs: for example, in the verbs **גע**דענקען (remember), **דער**ציילן (tell), and **פֿאַר**געסן (forget), the first syllable (in bold) is actually an unstressed prefix. There are six of these prefixes:

1 אַנט־, e.g. **אַנט**לויפֿן (escape; run away)
2 באַ־, e.g. **באַ**קומען (receive)
3 דער־, e.g. **דער**ציילן (tell)
4 גע־, e.g. **גע**דענקען (remember)
5 פֿאַר־, e.g. **פֿאַר**געסן (forget)
6 צע־, e.g. **צע**ברעכן (break)

As you can see, the prefixed verbs are often based on other, unprefixed verbs that you may know (e.g. אַנטלויפֿן is derived from לויפֿן; באַקומען is derived from קומען). The prefixes often have a meaning of sorts.

For example, -אַנט often means 'away'. You can see this clearly by comparing the unprefixed לויפֿן (run) with the prefixed אַנטלויפֿן (escape; run away). However, in many cases it is difficult or impossible to work out the relationship between a prefixed verb and its unprefixed equivalent. For example, the link between קומען (come) and **באַ**קומען (receive) is not at all transparent. In addition, some prefixed verbs have no unprefixed equivalent (at least in Modern Yiddish; they may have done in an earlier form of the language). For example, we have the prefixed verb פֿאַרגעסן, but there is no unprefixed verb 'געסן'. Therefore it is best just to memorize individual prefixed verbs when you encounter them (as you have been doing until now).

Unstressed prefixed verbs conjugate just like other verbs *except in the past tense*. The past tense differs because the past participle of these verbs never takes the prefix -גע. This is logical because these verbs already have a prefix of their own, so they won't accept another one! Look at these examples:

איך האָב **באַ**שטעלט אַ קאָמפּאַקטל.
I ordered a CD.

איך האָב **פֿאַר**געסן זײַן נאָמען.
I forgot his name.

In all other respects, the past tense of these verbs is just like that of other verbs:

1 The past tense can be formed with either האָבן or זײַן. It is simple to work out which prefixed verbs have זײַן as their auxiliary verb: if the 'base' verb takes זײַן, the prefixed verb does too.

Example איך **בין** געלאָפֿן. ← איך **בין אַנט**לאָפֿן.
I ran. I ran away.

The only exception to this is if the prefixed verb is transitive (i.e. can take a direct object). In such cases it always forms its past tense with האָבן because it no longer meets the criteria for זײַן verbs, which must be intransitive (i.e. not take a direct object).

Example איך **בין** געקומען ← איך **האָב באַ**קומען
I came (intransitive) I received (transitive)

2 The past participle can end in ט-, ן-, or ען- and may have vowel and/or consonant changes. Again, if you know how to form the

past participle of the corresponding unprefixed verb, then you can apply this to the prefixed version. For example:

Example	(mourn) באַוויינען, באַוויינט	←	(cry) וויינען, געוויינט
	באַקומען, באַקומען	←	קומען, געקומען
	אַנטלויפֿן, אַנטלאָפֿן	←	לויפֿן, געלאָפֿן

If you come across a new unstressed prefixed verb and you don't recognize its base verb, just memorize its past participle as you would for any other new verb.

2 Verbs ending in ־ירן

There is another group consisting of verbs that have three or more syllables and end in ־ירן, e.g. שטודירן, קאָנטראָלירן, שפּאַצירן. These verbs, like unstressed prefixed verbs, do not use ־גע to form their past participle. In addition, their past participles all end in ־ט and never undergo vowel or consonant changes (making them very easy to conjugate!). Here are some examples from Dialogue 1:

איך האָב **שטודירט** כּלל־ייִדיש.
I **studied** Standard Yiddish.

איך האָב נאָך נישט **קאָנטראָלירט**.
I haven't **checked** yet.

3 Omitting the definite article after prepositions

It is very common in Yiddish to leave out the definite article after the prepositions of direction אין, לעבן, and פֿון. In such cases the noun following the preposition is still understood as being definite. For example, in Dialogue 1 the shopkeeper said,

כ'וועל געבן אַ קוק **אין** ביוראָ.
I'll have a look **in** [the] office.

Here are some more examples of this usage:

איך בין **אין** ביבליאָטעק.
I'm **in** [the] library.

מיר קומען **פֿון** רעסטאָראַן.
We're coming **from** [the] restaurant.

דוד וווינט **לעבן** פּאַרק.
Dovid lives **near** [the] park.

In the case of neuter nouns, the fact that definiteness is implied extends to any associated adjectives, which take the same dative suffixes that they do when following the definite article:

דאָס ליד קומט **פֿון נײַעם** קאָמפּאַקטל.
That song comes **from** [the] **new** CD.

This usage does not apply to the plural definite article, which can never be omitted after these prepositions. For example:

איך גיי **אין די** ביבליאָטעקן.
I'm going **to the** libraries.

Similarly, it does not apply to the indefinite article:

איך גיי **אין אַ** ביבליאָטעק.
I'm going **to a** library.

Finally, the singular definite article cannot be omitted if it is being used to mean 'this' or 'that'. For example:

איך האָב עס געלייענט **אין דעם** בוך.
I read it **in *this/that*** book.

Exercise 1 **(CD2; 13)**

Insert the correct auxiliary verbs and past participles, using the infinitives in brackets.

1 דער פֿעטער יאַנקל ______ ______ [דערציילן] אינטערעסאַנטע מעשׂיות.
2 מיר ______ ______ [שפּאַצירן] אין פּאַרק אַפֿילו ווינטערצײַט.
3 איר ______ ______ [באַשטעלן] נײַע קאָמפּאַקטלעך.
4 רחל ______ ______ [אַפּליקירן] אויף פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס.
5 דו ______ ______ [פֿאַרגעסן] צו נעמען דײַן מאַנטל.
6 חנה ______ ______ [צעברעכן] איר ראַדיאָ (radio).
7 איך ______ ______ [געדענקען] דעם שיינעם ניגון.
8 די קרעמערס ______ ______ [פֿאַרקויפֿן] אַ סך ייִדישע מוזיק.

Exercise 2

Rewrite the following sentences, omitting the definite article if possible.

1 איך האָב געקױפֿט די קאָמפּאַקטלעך אין דער שטאָט.
2 מיר װילן גײן אין די נײַע קראָמען.
3 חנה זיצט אין דער ביבליאָטעק.
4 דער קרעמער גיט אַ קוק אין דעם ביוראָ.
5 רחל גײט אין דעם אוניװערסיטעט.
6 ביסטו געגאַנגען אין דעם קאַפֿע?
7 דוד װיל עסן װעטשערע אין אַ רעסטאָראַן.

Dialogue 2

(CD2; 14)

Rokhl, Khane, and Dovid are talking about Yiddish music.

רחל עס װעט זײַן אַ קאָנצערט מיט ייִדישער מוזיק אין אוניװערסיטעט דעם קומענדיקן דאָנערשטיק. לאָמיר גײן!

חנה קענסטו די קאַפּעליע?

רחל כ'געדענק נישט דעם נאָמען, אָבער איך האָב זײ שױן אַ מאָל געהערט. זײ שפּילן כּלי־זמר מוזיק. איך קען דאָס מײדל װאָס שפּילט פֿידל; זי איז גאַנץ גוט.

חנה װי טראַדיציאָנעל זענען זײ? איך האָב נישט אַזױ ליב כּלי־זמר קאַפּעליעס װאָס ניצן מאָדערנע ניגונים און אינסטרומענטן.

רחל האָסטו נישט ליב קײן נײַע מוזיק? האָסטו נאָר ליב אַלטמאָדישע זאַכן?

דוד אגבֿ, איך האָב זיך נעכטן געקױפֿט אַ קאָמפּאַקטל פֿון יום טובֿ ערליכן. אפֿשר װעט עס דיר געפֿעלן, חנה.

רחל װוּ האָסטו עס געקױפֿט? װיפֿל האָט עס געקאָסט? איך קען זיך פֿאָרשטעלן אַז דו האָסט באַצאָלט צו פֿיל.

דוד אין אַ קראָם נאָענט צו מײַן הױז. עס האָט געקאָסט פֿופֿצן פֿונט.

רחל פֿופֿצן פֿונט! דאָס איז אַ סקאַנדאַל! דאָס קומענדיקע מאָל װעל איך דיר װײַזן װי צו באַשטעלן פֿון אַמעריקע אױף דער אינטערנעץ. דאָרט קענסטו געפֿינען דאָס זעלבע קאָמפּאַקטל פֿאַר צען דאָלאַר.

דוד דו זאָגסט כּסדר אַז דו קענסט געפֿינען ביליקער, אָבער דו קױפֿסט קײן מאָל נישט קײן קאָמפּאַקטלעך – דו באָרגסט שטענדיק מײַנע!

Vocabulary

concert	קאָנצערט (דער), -ן
band	קאַפּעליע (די), -ס
to play	שפּילן, גע-ט
klezmer musician (see culture point)	כּלי-זמר [קלעזמער] (דער), -ים [קלעזמאָרים]
fiddle, violin	פֿידל (דער|די), -ען
traditional	טראַדיציאָנעל
instrument	אינסטרומענט (דער), -ן
by the way	אַגבֿ [אַגעוו]
to be pleasing (equivalent to English 'to like', e.g. עס געפֿעלט מיר = I like it)	געפֿעלן, -ן* (+ dative)
to cost	קאָסטן, גע-ט
to imagine (see language point 4; see also language point 2, Unit 13)	פֿאָרשטעלן זיך
pound	פֿונט (דער|דאָס), -ן
scandal	סקאַנדאַל (דער), -ן
to show	ווײַזן, געוויזן
Internet	אינטערנעץ (די), -ן
dollar	דאָלאַר (דער), -ן
to borrow	באָרגן, גע-ט

* conjugates with זײַן in past tense

Language points

4 Verbs with זיך

■ Uses of זיך

The word זיך (oneself) is a reflexive pronoun, a pronoun used when referring to the self. It can be used for all persons, corresponding to the English 'myself', 'yourself', 'himself', 'herself', 'ourselves', 'yourselves', and 'themselves'. It can be used as an object, e.g.:

איך זע **זיך** אין שפּיגל.
I see **myself** in [the] mirror.

However, the most common use of זיך is as part of a verb. You have already seen a few such verbs, e.g. לערנען זיך (learn), זאָרגן זיך (worry), בײַטן זיך (change). Some verbs may be used both with and without זיך; in such cases the variant with זיך means something different from the one without it. Other verbs exist only with זיך. Verbs with זיך fall into four main categories:

1. REFLEXIVE

These verbs are used when the object of the verb is the same as the subject. They correspond to reflexive verbs in languages like French, Spanish, and German. These verbs have the same basic meaning as their equivalents without זיך. Sometimes these correspond to verbs with 'oneself' in English, but in many cases the English equivalent is slightly different. You can see this in the following example:

איך וואַש **זיך**.	←	איך וואַש די קליידער.
I wash **myself**/I have a wash.		I wash **the clothes**.

In many cases, a reflexive verb with זיך and the corresponding verb without it may be translated by the same English verb, as in this example:

דער וועטער בײַט **זיך**.	←	איך בײַט דאָס קאָמפּאַקטל.
The weather changes (literally: **itself**).		I change **the CD**.

2. RECIPROCAL

In these verbs זיך corresponds to English ‘each other’. Verbs like this always have a plural subject, e.g.:

זיי קענען **זיך** פֿון אוניווערסיטעט.
They know **each other** from university.

As in Category 1, the זיך is a necessary component in Yiddish, but ‘each other’ can often be left out in English, e.g.:

זיי טרעפֿן **זיך** בײַם קאָנצערט.
They’re meeting (literally: each other) at the concert.

3. PASSIVE

Sometimes a verb with זיך most closely corresponds to a passive verb in English (e.g. is done, is heard, is made). For example:

אַ שיינער ניגון הערט **זיך** דורכן פֿענצטער.
A beautiful melody is heard (literally: hears itself) through the window.

4. NO PARTICULAR MEANING

Some verbs just require זיך, without the pronoun conveying any particular meaning. In these cases, just memorize the verb together with זיך as a single unit. For example:

איך זאָרג **זיך** וועגן דודן.
I worry about Dovid.

If you come across a new verb with זיך, the context usually makes it clear which category it falls into. In addition, if you want to convey the meaning of ‘oneself’ or ‘each other’, it is generally possible to add זיך to a verb that you already know and turn it into a reflexive or reciprocal verb.

■ Conjugating verbs with זיך

Verbs with זיך conjugate just like regular verbs in all tenses. The only thing you have to remember is that the זיך always goes directly after the main (conjugated) part of the verb. In the present tense this is simple because the verb has only one part:

איך זאָרג **זיך**.
I worry.

In the past and future it goes directly after the auxiliary verb:

איך האָב **זיך** געזאָרגט.
I worried.

איך וועל **זיך** זאָרגן.
I'll worry.

If you want to negate the verb, put ניש(ט)ניט *after* זיך in all tenses:

איך זאָרג **זיך נישט**.
I don't worry.

איך האָב **זיך נישט** געזאָרגט.
I didn't worry.

איך וועל **זיך נישט** זאָרגן.
I won't worry.

5 Prices and currencies

Words for currencies (e.g. פֿונט, דאָלאַר) remain in the singular in conjunction with numbers, e.g.:

עס האָט געקאָסט פֿופֿצן **פֿונט**.
It cost fifteen **pound[s]**.

דאָרט קענסטו געפֿינען דאָס זעלבע קאָמפּאַקטל פֿאַר צען **דאָלאַר**.
You can find the same CD for ten **dollar[s]** there.

Here are the names of some more currencies that are particularly relevant to Yiddish speakers:

euro	אייראָ (דער), -ס
rouble	רובל (דער), –
shekel	שקל [שעקל] (דער), -ים [שקאָלים]

Culture point

Eastern European Jewish music

The Yiddish-speaking world has a vast musical heritage. One of the oldest forms of music is חזנות, liturgical compositions traditionally sung by cantors in the synagogue on Shabes and at festivals. Another is the ניגון, a wordless melody originally popularized in Hasidic circles as a form of meditation.

There is also a rich tradition of Yiddish folk songs. The lyrics cover an enormous range of subject matter reflecting all aspects of Jewish life. Some have no known author, while others were written by poets and then absorbed into the 'folk' repertoire. Folk melodies may derive from the Jewish religious tradition with influences from various European cultures.

In pre-World War 2 Eastern Europe a musician was known as a 'klezmer'. Klezmorim played a variety of instruments (e.g. violin, accordion, clarinet, hammered dulcimer, bass, drums) in different settings including weddings and celebrations. Around 1980 this type of music was adapted into a genre called 'klezmer'. Klezmer now enjoys widespread popularity, with groups performing both traditional and modern repertoires.

Exercise 3

Rewrite the following sentences in the past tense, remembering to put זיך in the right place. Check the glossary for the meaning of any unfamiliar verbs.

1 מיר אײַלן זיך אויפֿן קאָנצערט.
2 איך לערן זיך ייִדיש אין אוניווערסיטעט.
3 דוד קויפֿט זיך אַ נײַ קאָמפּאַקטל.
4 די חבֿרים טרעפֿן זיך בײַם קאָנצערט.
5 דו פֿרעגסט זיך פֿאַרוואָס חנה האָט ליב נאָר אַלטע מוזיק.
6 רחל דערמאָנט זיך אַז זי מוז צוריקגעבן דודן זײַן קאָמפּאַקטל.

Exercise 4

Rewrite the above sentences in the future tense.

Exercise 5

Look at the following items and say how much each one costs.

Example ← די טעלעוויזיע קאָסט צוויי הונדערט פֿערציק דאָלאַר.



.1


.2

.3

.4

.5

.6


Supplementary text

(CD2; 16)

This tale centres on a *dybbuk*, the spirit of a dead person that possesses a living body and must be exorcized by a rabbi. The *dybbuk* is a familiar theme in Yiddish folk culture.

דער דיבוק ניגון

אין אַ קליין שטעטל איז אַ מאָל געווען אַן אַלטער חזן. צוליב זײַן עלטער איז דעם חזנס קול שוין נישט געווען פֿאַרלאָזלעך. האָבן די ייִדן פֿון שטעטל באַשלאָסן אַז עס איז שוין צײַט צו געפֿינען אַ נײַעם חזן. זיי האָבן געפֿונען אַ יונגן מאַן וואָס איז געווען זייער פֿרום און אויך אַ וווּנדערבאַרער זינגער

מיט אַ פּרעכטיק קול. עס איז געװען אַ מחיה צו הערן װען ער האָט געזונגען די תּפֿילות, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געפֿרײט. דער אַלטער חזן, אָבער, איז געװען שטאַרק אומצופֿרידן. ער איז געװען אין כּעס מיט דער קהילה װאָס האָט באַשלאָסן אַז זײ װילן אים שױן נישט האָבן װי זײער חזן, און ער האָט נישט געקענט זאָגן אַ פֿרײַנטלעך װאָרט דעם נײַעם חזן. צום סוף איז דער אַלטער חזן געװאָרן קראַנק פֿון עגמת-נפֿש און איז געשטאָרבן פּונקט פֿאַר ראָש-השנה.

אַלע האָבן באַװײנט דעם אַלטן חזן. דער נײַער חזן און די גאַנצע קהילה זענען געגאַנגען אין שול דאַװנען די ראָש-השנה תּפֿילות. דער נײַער חזן האָט געעפֿנט דאָס מויל, אָבער פּלוצעם האָט ער נישט געקענט זינגען. ער האָט פּרובירט נאָך אַ מאָל, און האָט זיך דערשראָקן צו הערן װי דאָס קול פֿונעם געשטאָרבענעם חזן קומט פֿון זײַן האַלדז. ער האָט װײַטער געזונגען און אַלץ איז געװען לויטן קול פֿונעם אַלטן חזן. האָט דער נײַער חזן גלײַך פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ דיבוק. האָט ער געחלשט פֿון שרעק. װען מע איז געקומען אים אַהײמשלעפּן, האָט זיך דערהערט דאָס קול פֿונעם אַלטן חזן: "איך בין דער חזן פֿון שטעטל און דאָס איז מײַן שול! איך װעל זינגען די תּפֿילות לויט מײַן ניגון!"

האָט מען געבערענגט דעם יונגן חזן צום רבין. "ר' חזן," האָט דער רבי געזאָגט צום דיבוק, "דײַן צײַט אויף דער ערד איז שױן פֿאַרבײַ. איצט מוזסטו גײן צו דײַן אײביקער רו און לאָזן דעם יונגן חזן זינגען אַנשטאָט דיר." אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפֿן. דער יונגער חזן האָט פּרובירט זינגען, אָבער דאָס קול איז געװען דעם אַלטן חזנס.

האָט דער רבי פּרובירט נאָך אַ מאָל. "ר' חזן," האָט ער געזאָגט,"איך װעל דיר לערנען אַ נײַעם ניגון. עס איז אַ זעלטענער ניגון װאָס װעט דיך באַפֿרײַען פֿון דײַנע פֿליכטן דאָ אויף דער ערד און עפֿענען די טויערן פֿון עולם-הבא. דו װעסט זינגען דעם ניגון צו די צדיקים אין גן-עדן."

האָט דער רבי געזונגען דעם ניגון. דער אַלטער חזן איז געװען צופֿרידן און דער דיבוק האָט פֿאַרלאָזן דעם גוף פֿונעם יונגן חזן. דער יונגער חזן האָט געעפֿנט דאָס מויל און געזונגען, און אַלע האָבן געהערט זײַן שײן קול.

Unit Thirteen

!איך וויל זען אַ נײַעם פֿילם אויף ייִדיש

I want to see a new film in Yiddish!

In this unit you will learn:

- how to speculate about possibilities
- how to make fulfillable conditions
- converbs (stressed prefixed verbs)
- how to decline the adjective אַנדער (other)
- about Yiddish theatre and film

Dialogue 1

(CD2; 18)

There's going to be a screening of 'The Dybbuk' at the Jewish cultural centre. Rokhl asks Dovid and Khane if they want to go.

רחל   מע וועט ווײַזן "דער דיבוק" אין ייִדישן קולטור-צענטער דינסטיק. ווילט איר גיין?

דוד   אויב איך וועל האָבן צײַט, וועל איך גיין. אָבער איך דאַרף נאָך שרײַבן אַ סך דאָקטאָראַט-אַפּליקאַציעס.

חנה   איך ווייס נישט אויב איך האָב חשק. כ'האָב עס שוין געזען אַזוי פֿיל מאָל.

רחל   אָבער דו האָסט עס געזען אין דער היים. דאָס וועט זײַן אויף אַ גרויסן עקראַן!

חנה   נו, לאָמיר זען. אויב איך וועל האָבן כּוח וועל איך אפֿשר גיין. אָבער אַנשטאָט "דער דיבוק", קענען מיר פּשוט גיין אין קינאָ צו זען אַ נײַעם פֿילם!

רחל   אָבער אויב מיר וועלן גיין אין קינאָ, וועט דער פֿילם נישט זײַן אויף ייִדיש! דאָס איז געווען דער גאַנצער ענין.

חנה   וואָס מיט בלײַבן אין דער היים און זען אַ ייִדישן פֿילם וואָס מיר האָבן נאָך נישט געזען? איך האָב געקויפֿט "ייִדל מיטן פֿידל", "מאַמעלע", און "גאָט, מענטש, און טײַוול" און נאָך נישט באַוויזן זיי זען.

רחל אָבער אויב מיר וועלן דאָס טאָן, וועלן מיר מוזן זיי זען אויף דײַן קלײנער טעלעוויזיע. איך האָב געוואָלט גיין אין קינאָ!

דוד נו, אין אָרדענונג. איך וועל גיין מיט דיר צו זען "דער דיבוק" דינסטיק און ענדיקן די אַפּליקאַציעס מיטוואָך.

חנה און דאַן קענט איר קומען צו מיר דאָנערשטיק צו זען די אַנדערע פֿילמען!

רחל אויב איך וועל זען אַזוי פֿיל אַלטע ייִדישע פֿילמען אין איין וואָך, וועל איך אָנהייבן זען אַלץ אויף שוואַרץ און ווײַס!

Vocabulary

to show	ווײַזן, געוויזן
culture	קולטור (די), -ן
centre	צענטער (דער), -ס
application	אַפּליקאַציע (די), -ס
desire	חשק [כײשעק] (דער), –
screen	עקראַן (דער), -ען
strength; power; energy	כּוח [קויעך] (דער), -ות [קויכעס]
instead of	אַנשטאָט
point (in the above context)	ענין [איניען] (דער), -ים [איניאָנים]
God	גאָט (דער), געטער
devil	טײַוול (דער), טײַוולאָנים
to manage to do in time	באַווײַזן, באַוויזן
then	דאַן

Idiom

to feel like האָבן חשק

Language point

1 Fulfillable conditions

In Yiddish, when you want to say that something might happen in the future if a particular condition is met, you use a construction called

a 'fulfillable' condition. You saw several examples of this in Dialogue 1. For example, Dovid said,

אויב איך וועל האָבן צײַט, וועל איך גיין.
If I have time, I'll go.

A fulfillable condition is made up of two clauses. The first is a dependent clause stating the condition (e.g. 'If I have time'). It is formed like this:

object (if relevant) + future tense verb + subject + (if) אויב
←

Example צײַט + וועל האָבן + איך + אויב
←

אויב איך וועל האָבן צײַט
If I have time

This is almost the same as English, except that in Yiddish the verb is in the future tense while in English it is in the present.

The second clause is an independent clause telling us what will happen if the condition given in the first clause is met. This 'outcome' clause is formed as follows:

object (if relevant) + infinitive + subject + future auxiliary verb
←

Example אין קינאָ + גיין + איך + וועל
←

וועל איך גיין אין קינאָ
I'll go to [the] cinema

The most important point to note here is that because this is an independent clause following a dependent one, inversion occurs and so the future auxiliary verb comes before the subject.

There is usually (but not necessarily) a comma between the two clauses.

As in English, if you want to place emphasis on the 'outcome' clause you can put it before the 'condition' clause. If you do this, there is no inversion in the 'condition' clause and there is usually no comma between the two clauses:

איך וועל גיין אויב איך וועל האָבן צײַט.
I'll go if I have time.

Exercise 1

Change these statements into fulfillable conditions.

Example איך האָב צײַט, גיי איך אין קינאָ. ← אויב איך וועל האָבן צײַט, וועל איך גיין אין קינאָ.

1 מיר האָבן חשק, זעען מיר אַ פֿילם.
2 רחל געפֿינט נישט קיין אַרבעט אין לאָנדאָן, פֿאָרט זי קיין אַמעריקע.
3 דו האָסט ליב דעם פֿילם, זע איך עס אויך.
4 איך פֿאָר אין מאה שערים, רעד איך אַ סך ייִדיש.
5 דוד ווערט אַ סטודענט, איז דער פֿעטער יאַנקל אומצופֿרידן.
6 רחל בלײַבט אין לאָנדאָן, איז חנה גליקלעך.
7 דו רעדסט אַ סך, ווערט דײַן ייִדיש זייער גוט.
8 רחל אַרבעט שווער, ענדיקט זי באַלד דעם דאָקטאָראַט.

Exercise 2

Rokhl has made a list of all the things she's going to do tomorrow if she has time. Use the list to make sentences with fulfillable conditions.

Example גיין אין ביבליאָטעק ← אויב רחל וועט האָבן צײַט, וועט זי גיין אין ביבליאָטעק.

1 שלאָפֿן ביז צוועלף אַ זייגער
2 גיין אויף אַ לעקציע וועגן ייִדישן טעאַטער
3 טרעפֿן זיך מיט חנהן
4 לייענען אַ ייִדישע מעשׂה
5 גיין אין ביכערקראָם
6 זען אַ פֿילם
7 הערן ייִדישן ראַדיאָ אויף דער אינטערנעץ

Exercise 3

Use fulfillable conditions to answer these questions.

1 אויב דו וועסט האָבן צײַט, וועסטו גיין אין קינאָ הײַנט?
2 אויב דו וועסט גיין אין קינאָ, וואָס וועסטו זען?
3 אויב דער פֿילם וועט זײַן שלעכט, וועסטו פֿאַרלאָזן אין מיטן (in the middle)?
4 אויב די זון וועט שײַנען מאָרגן, וועסטו גיין אין פּאַרק?
5 אויב עס וועט גיין אַ רעגן מאָרגן, וועסטו בלײַבן אין דער היים?

Dialogue 2

(CD2; 19)

Rokhl and Dovid are at Khane's watching Yiddish films.
Rokhl laments the lack of new Yiddish films and drama.

רחל „ייִדל מיטן פֿידל“ איז געווען זייער שיין. אָבער עס איז אַרויסגעקומען אין 1936! איך וויל זען אַ נײַעם פֿילם אויף ייִדיש, אָבער ס'איז פֿאַראַן אַזוי ווייניק.

דוד האָסטו געזען „אַ געשעפֿט“? דאָס איז אַ נײַער פֿילם אין גאַנצן אויף ייִדיש.

רחל דער פֿילם איז געווען אויף אַזאַ נידעריקער מדרגה! סתּם זײַן אויף ייִדיש איז נישט גענוג - דער פֿילם דאַרף אויך האָבן אַ שטאַרקן סיפּור־המעשׂה און גוטע אַקטיאָרן. אַנישט, טויג עס אויף כּפּרות! און וואָס שייך טעאַטער, איז דער מצבֿ נישט קיין סך בעסער. עס זענען נישטאָ אַזוי פֿיל ייִדישע טעאַטערס אויף דער וועלט.

דוד נו, אפֿשר קענען מיר אַליין צוגרייטן אַ ייִדישע פּיעסע. וואָס מיינט איר?

רחל דאָס איז אַ שיינער געדאַנק, אָבער ווער האָט צײַט אויף אַזעלכע פּראָיעקטן?

דוד מע דאַרף נישט אַליין אויסטראַכטן אַ נײַע מעשׂה, מע קען אויסקלײַבן אַ גוטע פּיעסע, אפֿשר פֿון שלום עליכמען, י. ל. פּרצן, אָדער פֿון אַן אַנדער גוטן שרײַבער ווי אַהרן צײַטלין.

חנה נו, לאָמיר אָנהייבן!

רחל הייבט אָן געזונטערהייט, אָבער איך האָב נאָר געוואָלט זען נײַע ייִדישע פֿילמען, נישט ווערן אַן אַקטריסע און רעזשיסאָרשע!

דוד נו, אַז מע קען ניט ווי מע וויל, דאַרף מען וועלן ווי מע קען!

Vocabulary

came out (see language point 2)	אַרױסגעקומען ← אַרױסקומען
few; little	װייניק
business; shop; deal	געשעפֿט (דאָס), ־ן
low	נידעריק
level	מדרגה [מאַדרייגע] (די), ־ות
just; for no reason	סתּם [סטאַם]
plot	סיפּור־המעשׂה [סיפּעראַמײַסע] (דער), ־יות
otherwise	אַנישט
to be useful, good for something	טויגן, גע־ט
ceremony traditionally done just before Yom Kippur (the Day of Atonement) in which a chicken (or its equivalent in money) is ritually given as a sin offering	כּפּרות [קאַפּאָרעס]
relating to	שייך [שײַעך]
play	פּיעסע (די), ־ס
such (used with plural nouns)	אַזעלכע
project	פּראָיעקט (דער), ־ן
to invent (see language point 2)	אויסטראַכטן
to choose (see language point 2)	אויסקלײַבן
Sholem Aleichem (pseudonym of Yiddish author Sholem Rabinowitz, 1859–1916; see supplementary text, Unit 15)	שלום עליכם
Y. L. Peretz (Yiddish author, 1852–1915; see supplementary text, Unit 15)	י. ל. פּרץ [פּערעץ]
Aaron Zeitlin (Yiddish author, 1898–1973)	אַהרן [אַרן] צײַטלין
start (imperative; see language point 2)	הייבט אָן
in good health	געזונטערהייט
actress	אַקטריסע (די), ־ס
(female) director	רעזשיסאָרשע (די), ־ס

Idioms and proverbs

synonym of עס איזוזענען דאָ	עס איזוזענען פֿאַראַן
to be good for nothing (literally: good for the kapores ceremony)	טויגן אויף כפּרות
as for; regarding	וואָס שייך
following imperative, similar to 'by all means...' or '...for all I care!', e.g. 'By all means start!' 'Start for all I care!'	... געזונטערהייט
If you can't [do] what you want, want what you can [do]!	אַז מע קען ניט ווי מע וויל, דאַרף מען וועלן ווי מע קען!

Language points

2 Converbs (stressed prefixed verbs)

In Unit 12 we discussed unstressed prefixed verbs like דערציילן and פֿאַרגעסן. There is another type of prefixed verb in Yiddish, called 'converbs' or 'stressed prefixed verbs'. As the second name indicates, these verbs have a prefix that gets the accent when the word is pronounced. There are several of these in Dialogue 2, for example **אַרויס**קומען (come out), **אָנ**הייבן (start). The bold part of the word is the stressed prefix. Converbs resemble unstressed prefixed verbs in two ways: (1) they are derived from 'base' verbs, and (2) the relationship between the 'base' verb and its prefixed equivalent is sometimes clear but often not. However, converbs differ from unstressed prefixed verbs in two important ways: (1) they can be composed of more than 30 prefixes, as opposed to just 6, and (2) they conjugate differently.

First let's look at how to conjugate converbs, and then we'll examine the meanings of the different prefixes.

■ Conjugating converbs

The infinitive of converbs always consists of a stressed prefix followed by the 'base', which operates according to the normal rules of infinitives (i.e. some end in ן- and some in ען-).

In the present tense, the prefix separates from the base and goes after it. For example:

איך גיי **אַרויס** ← **אַרויס**גיין
I go **out** to go **out**

If you want to negate the verb, insert נישט/ניט after the base and before the prefix:

איך גיי נישט **אַרויס**.
I don't go **out**.

Here is the complete present-tense conjugation of אַרויסגיין:

Plural		Singular	
מיר גייען אַרויס	1st person plural	איך גיי אַרויס	1st person singular
איר גייט אַרויס	2nd person plural	דו גייסט אַרויס	2nd person singular
זיי גייען אַרויס	3rd person plural	ער/זי/עס גייט אַרויס	3rd person singular

To form the past tense of a converb, follow these steps:

1 First remove the prefix, then put the base verb into the past tense (i.e. choose the correct helping verb, האָבן or זײַן, followed by the past participle). If you know the base verb, this is easy; if you don't, you can find it in the glossary of this book or in a Yiddish dictionary. For example:

איך האָב גענומען ← נעמען ← (take out) **אַרויס**נעמען
איך בין געגאַנגען ← גיין ← **אַרויס**גיין

2 Next, attach the prefix directly to the past participle:

איך האָב **אַרויס**גענומען ← איך האָב גענומען
איך בין **אַרויס**געגאַנגען ← איך בין געגאַנגען

Note that the stress stays on the prefix rather than moving to the verb's penultimate syllable.

If you want to add נישט/ניט, put it after the auxiliary verb, as you would with an unprefixed verb:

איך בין **נישט** אַרויסגעגאַנגען ← איך בין אַרויסגעגאַנגען

To form the future tense of a converb, put the infinitive form after the future auxiliary verb:

איך וועל אַרויסגיין.
I'll go out.

Again, נישט/ניט goes directly after the auxiliary verb:

איך וועל **נישט** אַרויסגיין.
I **won't** go out.

In the imperative, as in the present tense, the prefix separates from the base and goes after it:

גיי(ט) אַרויס!
Go out!

As usual, נישט/ניט goes after the base verb:

גיי(ט) **נישט** אַרויס!
Don't go out!

If צו is used in conjunction with the infinitive of a converb, it gets sandwiched between the prefix and the base:

חנה האָט נישט ליב אַרויס**צו**גיין.
Khane doesn't like to go out.

Finally, note that converbs may appear in conjunction with זיך. In such cases זיך goes directly after the conjugated part of the verb, as expected:

איך כאַפּ **זיך** אויף
I wake up

איך האָב **זיך** אויפֿגעכאַפּט I woke up	←	אויפֿכאַפּן זיך to wake up

איך האָב **זיך** נישט אויפֿגעכאַפּט
I didn't wake up

■ Meaning of converbs

Converb prefixes can be divided into two categories depending on meaning. (Don't worry; both categories conjugate in the same way!) Category 1 consists of prefixes having something to do with direction, e.g. אַרײַנ- (in), אַרויס- (out), אַראָפּ- (down), אַרויפֿ- (up), אַרומ- (around).

These prefixes can be added mechanically to any verb having something to do with movement or direction, e.g. גײן, קומען, לױפֿן, טאַנצן, נעמען, and the meaning is usually completely predictable as the combination of that action and that direction. For example:

אַרױסקומען	=	קומען	+	אַרױס־
come out		come		out
אַרומלױפֿן	=	לױפֿן	+	אַרום־
run around		run		around

In the present tense the position of Category 1 prefixes within a sentence can be quite flexible. They can go directly after the conjugated part of the verb, as in:

ער נעמט **אַרײַן** די ביכער אין שטוב.
He takes the books into the house.

But often they can go in the middle or at the end, after any direct and/or indirect objects:

ער נעמט די ביכער **אַרײַן** אין שטוב.
ער נעמט די ביכער אין שטוב **אַרײַן**.
He takes the books into the house.

Here is a complete list of Category 1 prefixes. You can use them to work out the meaning of new converbs.

in	אַרײַנ־	through	(אַ)דורכ־
with	מיט־	away	אַװעק־
after	נאָך־	opposite	אַנטקעגנ־
by, alongside	פֿאַרבײַ־	down	אַנידער־
in advance	פֿאָרױס־	down	אַראָפּ־
apart	פֿונאַנדער־	out	אַרױס־
together	צוזאַמען	up	אַרױפֿ־
together	צונױפֿ־	around	אַרום־
back	צוריק־	under	אַרונטער־
		over	אַריבער־

Category 2, by contrast, consists of prefixes whose meanings are less clear. Sometimes you can see a connection between converbs with these prefixes and their unprefixed equivalents, though the precise relationship is not always predictable. For example, it is easy

to see that there is a connection between רעדן (speak) and אײַנרעדן (persuade), but it is difficult to work out exactly how the meaning 'persuade' was reached by adding the prefix אײַנ־ to the base verb, and there is no way of predicting what the same prefix will mean when added to a different base verb. In other cases it is very difficult to identify any kind of link between the base and prefixed verbs, e.g. הערן 'hear' vs. אויפֿהערן 'stop'; הייבן 'lift' vs. אָנהייבן 'start'. There are some patterns governing the use of Category 2 prefixes, but they are not clear enough to be useful at this stage, so it's better just to memorize the meaning of individual converbs as you encounter them.

Note that Category 2 prefixes in the present tense generally follow the conjugated part of the verb relatively closely rather than going at the end of the sentence:

זיי גרייטן **צו** אַ פּיעסע.
They're putting on (literally: preparing) a play.

Here is a list of common Category 2 prefixes. Although familiarizing yourself with these prefixes won't necessarily help you work out the meaning of new converbs, it will enable you to recognize them as such and thereby allow you to conjugate them correctly.

בײַ־	איבער־	אויס־
פֿאַר־	אײַנ־	אויפֿ־
צו־	אָנ־	אום־
	אָפּ־	אונטער־

3 Declining the adjective אַנדער (other)

The adjective אַנדער takes the same gender and case suffixes as other adjectives when it follows the definite article or a possessive adjective (e.g. דער אַנדערער פֿילם, די אַנדערע פּיעסע, זײַן אַנדערער פֿילם). However, when following the indefinite article or the negative article קיין, as well as when used in conjunction with a plural indefinite noun, it does not take gender or case suffixes. In such cases it has only two forms, the singular אַנדער and the plural אַנדערע.

דאָס איז אַן אַנדער פֿילם.
That's another (masculine nominative) film.

דאָס איז אַן אַנדער פּיעסע.
That's another (feminine nominative) play.

איך האָב געזען אַן אַנדער פֿילם.
I saw another (masculine accusative) film.

איך קען אַנדערע פֿילמען.
I know other (plural) films.

Exercise 4

Insert the correct present tense form of the converb, using the infinitives in brackets.

1 רחל ____ ____ [אַרויסקומען] פֿון קולטור-צענטער.
2 איך ____ ____ [אַרײַנגיין] אין קינאָ.
3 מיר ____ ____ [אָנהייבן] לייענען אַ שווערע פּיעסע.
4 דוד ____ ____ [אַרויסנעמען] אַ סך ייִדישע פּיעסעס פֿון ביבליאָטעק.
5 מיר ____ ____ [אויפֿהערן] לייענען די שווערע פּיעסע.
6 איר ____ ____ [פֿאַרבײַגיין] אַ נײַעם טעאַטער.
7 דוד און חנה ____ ____ [צוגרייטן] אַ פּיעסע.
8 דו ____ ____ [אויסקלײַבן] אינטערעסאַנטע פֿילמען פֿאַרן פֿילם-קלוב (club).

Exercise 5 (CD2; 21)

Rewrite the following excerpt from Khane's journal in the past tense. Check the glossary for any unfamiliar converbs.

דוד און איך גייען אַרײַן אין ביבליאָטעק און נעמען אַרויס אַ סך ביכער מיט ייִדישע פּיעסעס. מיר הייבן אָן צו לייענען. אַ סך פּיעסעס זעען אויס אינטערעסאַנט, אָבער מיר קלײַבן נישט אויס קיין פּיעסע ווײַל עס איז שווער צו באַשליסן. איך ווער בייז און הער אויף לייענען. דוד ווערט מיד און שלאָפֿט אײַן.

Exercise 6

Rewrite the excerpt from Exercise 5 in the future tense.

Exercise 7

Insert the correct form of the adjective אַנדער in these sentences.

1 איך וויל זען אַן אַנדער______ פּיעסע אויף ייִדיש.
2 וועגן וואָס איז דער אַנדער______ פֿילם?
3 לאָמיר גיין אין אַן אַנדער______ קינאָ.
4 האָסטו נישט קיין אַנדער______ פֿילמען?
5 איך האָב ליב דראַמעס (dramas) אָבער אויך אַנדער______ זשאַנערן (genres).
6 ווּ איז דאָס אַנדער______ בוך?
7 עס איז אינעם אַנדער______ צימער.

Supplementary text

(CD2; 22)

טעאַטער און פֿילם אויף ייִדיש

דער ייִדישער טעאַטער האָט זיך אַנטוויקלט פֿון דער אַלטער טראַדיציע פֿון פּורים-שפּילן, קאָמישע פּיעסעס וואָס מע האָט פֿאָרגעשטעלט פּורים-צײַט. דער פֿאָטער פֿונעם מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער האָט געהייסן אַבֿרהם גאָלדפֿאַדן (1908–1840). ער האָט געשריבן און פֿאָרגעשטעלט מעלאָדראַמעס און מוזיקאַלישע פּיעסעס אין רומעניע, עסטרײַך, און רוסלאַנד. אין אָנהייב איז געווען שווער, ספּעציעל אין רוסלאַנד, ווּ עס איז געווען אָסור פֿאָרצושטעלן פּיעסעס אויף ייִדיש ביז דער רעוואָלוציע פֿון 1905. אָבער שפּעטער האָט דער ייִדישער טעאַטער געבליט אין פּוילן, רוסלאַנד, און אַנדערע לענדער פֿון מיזרח-אייראָפּע. אַחוץ דעם, האָבן ייִדן וואָס האָבן אימיגרירט קיין אַמעריקע און מערבֿ-אייראָפּע סוף נײַנצנטן און אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן גרינדן ייִדישע טעאַטערס אין די נײַע לענדער. עס האָט זיך אַנטוויקלט זייער אַ שטאַרקע טראַדיציע פֿון טעאַטער אויף ייִדיש אין לאָנדאָן, פּאַריז, בוענאָס-אײַרעס, און ניו-יאָרק.

מע האָט געשריבן ייִדישע פּיעסעס וועגן כּלערליי טעמעס. עס זענען דאָ פּיעסעס וואָס שטאַמען פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, למשל "דער דיבוק" פֿון ש.

אַנ-סקין, דראַמעס וועגן ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, און מעשׂיות וועגן פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון ייִדישן לעבן אין מיזרח-אייראָפּע ווי, צום בײַשפּיל, קאָנפֿליקטן צווישן דורות. אָפֿטמאָל האָט מען באַזירט פּיעסעס אויף די ווערק פֿון באַרימטע ייִדישע שרײַבער ווי שלום עליכם. מע האָט אויך אַדאַפּטירט ליטעראַרישע ווערק פֿון אַנדערע שפּראַכן; למשל, "גאָט, מענטש, און טײַוול" פֿון יעקבֿ גאָרדינען שטיצט זיך אויף געטעס "פֿאַוסט".

אין די צוואָנציקער און דרײַסיקער יאָרן פֿון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט איז אויך געווען אַן אויפֿבלי פֿון ייִדישן קינאָ. מע האָט געמאַכט פֿילמען אויף ייִדיש סײַ אין מיזרח-אייראָפּע, דער עיקר אין פּוילן, און סײַ אין אַמעריקע. די טעמעס וואָס מע האָט באַהאַנדלט אין די ייִדישע פֿילמען זענען געווען ענלעך צו די פּיעסעס: עס זענען געווען מוזיקאַלישע קאָמעדיעס ווי "ייִדל מיטן פֿידל" און "מאַמעלע", דראַמעס וועגן דעם ייִדישן לעבן, און איבעראַרבעטונגען פֿון ייִדישע ראָמאַנען. אַ סך ייִדישע פּיעסעס זענען אויך געוואָרן פֿילמען, ווי למשל "דער דיבוק" און "גאָט, מענטש, און טײַוול". אין די פֿופֿציקער און זעכציקער יאָרן, צוליב דעם חורבן און אַסימילאַציע, האָט מען כּמעט אין גאַנצן אויפֿגעהערט שאַפֿן נײַע ייִדישע פֿילמען. מע האָט אָבער ממשיך געווען מיט טעאַטער פֿאָרשטעלונגען אויף ייִדיש אין כּלערליי לענדער. הײַנט צו טאָג, קען מען נאָך זען ייִדישע פּיעסעס בײַ דער פֿאָלקסבינע אין ניו-יאָרק און אַ מאָל אין אַנדערע ערטער, צום בײַשפּיל ישׂראל, פּאַריז, שטראַזבורג, און בוקאַרעשט. אין יאָר 2005 איז אַרויסגעקומען דער ערשטער פֿילם אין גאַנצן אויף ייִדיש זינט די פֿופֿציקער יאָרן, אַ חסידישע קרימינאַל-דראַמע וואָס הייסט "אַ געשעפֿט". אין 2008 איז אַרויסגעקומען נאָך אַ פֿילם אין גאַנצן אויף ייִדיש, די ישׂראלדיקע דראַמע "בית אבי" ("מײַן טאַטנס שטוב" אויף העברעיִש), וואָס דערציילט די מעשׂה פֿון אַ מענטש פֿון דער שארית-הפליטה אין ישׂראל אַ פּאָר יאָר נאָכן חורבן.

Unit Fourteen

איך קען נישט לייענען מײַנע בליצבריוו!

I can't read my emails!

In this unit you will learn:

- how to complain and talk about problems
- how to talk about modern technology
- how to make unfulfilled conditions
- how to form relative clauses
- periphrastic verbs
- about Yiddish on the Internet

Dialogue 1

(CD2; 24)

Dovid has forgotten his password and can't open his email accounts. He is frustrated because he wants to know if he has been accepted to do a PhD. Rokhl suggests phoning the universities to enquire.

דוד אוי, איך בין אַזוי אויפֿגערעגט!

חנה וואָס האָט פּאַסירט?

דוד איך האָב פֿאַרלוירן דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט אַלע מײַנע וואָרטצייכנס, און איצט קען איך נישט לייענען מײַנע בליצבריוו.

חנה געדענקסטו נישט דײַן וואָרטצייכן?

דוד אויב איך וואָלט געדענקט מײַן וואָרטצייכן, וואָלט איך נישט געהאַט קיין פּראָבלעם! אויב איך וואָלט געקענט לייענען מײַנע בליצבריוו, וואָלט איך געוווּסט צי מע האָט מיך אָנגענומען ווי אַ דאָקטאָראַנט. איך וואַרט אויף ענטפֿערס פֿון אַ סך אוניווערסיטעטן.

רחל אפֿשר קענסטו זיי אָנקלינגען?

דוד דאָס איז אַ גוטער פּלאַן. אָבער אַ סך פֿון די אוניווערסיטעטן זענען אין אַמעריקע, איז כ'וועל מוזן וואַרטן ביז כ'וועל אַהיימגיין. עס וואָלט געקאָסט אַ מאַיאָנטיק אויב איך וואָלט אָנגעקלונגען פֿון דער צעלקע.

רחל דו קענסט ניצן מײַן צעלקע. איך קען טעלעפֿאָנירן אַמעריקע כמעט בחינם. אַזוי וועלן מיר קענען זיך דערוויסן איצט וואָסערע אוניווערסיטעטן האָבן דיך אָנגענומען.

דוד אין אָרדענונג, אַ דאַנק. אוי, איך קען נישט טעלעפֿאָנירן איצט! די אַלע טעלעפֿאָן-נומערן פֿון די אוניווערסיטעטן זענען געווען אויפֿן זעלבן שטיקל פּאַפּיר ווי די וואָרטצייכנס!

Vocabulary

annoyed; upset	אויפֿגערעגט
to happen	פּאַסירן, -ט
to lose	פֿאַרלירן, פֿאַרלוירן\פֿאַרלאָרן
paper	פּאַפּיר (דאָס), -ן
password	וואָרטצייכן (דער), -ס
email	בליצבריוו (דער), -
would (see language point 1)	וואָלט
to accept	אָננעמען, אָנגענומען
to phone	אָנקלינגען, אָנגעקלונגען
fortune	מאַיאָנטיק (דער), -
mobile/cellphone	צעלקע (די), -ס
free (of charge)	בחינם [בעכינעם]
to find out	דערוויסן זיך, זיך דערוווּסט

Language point

1 Unfulfilled conditions

In Unit 13 you learned how to talk about a fulfillable future condition. In addition, there is another type of conditional sentence in Yiddish that you can use to talk about a condition that has not been met as of the time that the statement is made. There are several such 'unfulfilled' conditions in Dialogue 1. For example, Dovid said:

אויב איך וואָלט געקענט לייענען מײַנע בליצבריוו, וואָלט איך געוווּסט.
If I could read my emails, I would know.

This differs from a fulfillable condition because instead of speculating about a future condition that may be met, here the point is that the condition has already failed to be realized and so the sentence is presenting us with an imaginary, counterfactual version of the present situation: in reality, Dovid *can't* read his emails and therefore *doesn't* know.

Like fulfillable conditions, unfulfilled conditions are composed of two clauses, a dependent 'condition' clause introduced by אויב and an independent 'outcome' clause with inversion of subject and verb.

In addition, while fulfillable conditions use the future tense, unfulfilled conditions use a special conditional verb form, וואָלט. This form is related to the English 'would' both etymologically and in meaning. It conjugates like a present-tense verb:

Plural		Singular	
מיר וואָלטן We would	1st person plural	איך וואָלט I would	1st person singular
איר וואָלט You would	2nd person plural	דו וואָלטסט You would	2nd person singular
זיי וואָלטן They would	3rd person plural	ער/זי/עס וואָלט He/she/it would	3rd person singular

וואָלט is followed by the past participle of the main verb. This construction is used in both the 'condition' clause and the 'outcome' clause. Pay special attention to this point because in this respect Yiddish differs from English, in which the word 'would' is used only

in the 'outcome' clause of unfulfilled conditions. This is how you form each clause of an unfulfilled condition:

'Condition' clause

objects (if appropriate)	+	past participle	+	וואָלט	+	subject	+	אויב ←
Example צײַט	+	געהאַט	+	וואָלט	+	איך	+	אויב ←

אויב איך וואָלט געהאַט צײַט
If I had time

'Outcome' clause

objects (if appropriate)	+	past participle	+	subject	+	וואָלט ←
Example דײַן בליצבריוו	+	געענטפֿערט	+	איך	+	וואָלט ←

וואָלט איך געענטפֿערט דײַן בליצבריוו.
I would answer your email.

As with fulfillable conditions, it is possible to switch the order of the clauses, in which case there is no inversion in the dependent clause:

איך וואָלט געוווּסט אויב איך וואָלט געקענט לייענען מײַנע בליצבריוו.
I would know if I could read my emails.

In addition to אויב, the 'condition' clause of unfulfilled conditions can be introduced by ווען or אַז with no change in meaning:

ווען איך וואָלט געקענט לייענען מײַנע בליצבריוו, וואָלט איך געוווּסט.
אַז איך וואָלט געקענט לייענען מײַנע בליצבריוו, וואָלט איך געוווּסט.
If I could read my emails, I would know.

Finally, note that the Yiddish unfulfilled condition actually corresponds to two different English constructions: depending on context, it might refer to a counterfactual version of the past instead of the present. For example, the sentence above could be translated alternatively as 'If I had been able to read my emails, I would have known'. Don't worry about this because the context will show you which interpretation makes the most sense.

Exercise 1 **(CD2; 25)**

Change these statements into unfulfilled conditions.

Example דוד **געדענקט** זײַן וואָרטצייכן, **האָט** ער נישט קיין פּראָבלעם.

↓

אויב דוד **וואָלט געדענקט** זײַן וואָרטצייכן, **וואָלט** ער נישט **געהאַט** קיין פּראָבלעם.

1 איך האָב געלט, קויף איך ביכער אויף דער אינטערנעץ.
2 חנה האָט צײַט, שרײַבט זי בריוו אַנשטאָט בליצבריוו.
3 מיר האָבן אַ צעלקע, קענען מיר איצט טעלעפֿאָנירן.
4 איך פֿאַרגעס נישט מײַן וואָרטצייכן, קען איך לייענען מײַנע בליצבריוו.
5 דו באַקומסט מײַנע בליצבריוו, ווייסטו ווען איך קום.
6 דוד אַרבעט אין אַ ביוראָ, איז ער נישט צופֿרידן.
7 דוד און רחל שמועסן נישט אויף דער אינטערנעץ, בלײַבן זיי נישט אין קאָנטאַקט.

Exercise 2

Answer these questions, using unfulfilled conditions. Check any unfamiliar words in the glossary.

1 וואָס וואָלטסטו געטאָן אויב דו וואָלטסט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס?
2 ווו וואָלטסטו געווינט אויב דו וואָלטסט געקענט אויסקלײַבן?
3 וואָס וואָלטסטו געטאָן אויב דו וואָלטסט געווען דער פּרעמיער-מיניסטער, מלך, אָדער פּרעזידענט פֿון דער מדינה ווו דו ווינסט?
4 וווּהין וואָלטסטו געפֿאָרן אויב דו וואָלטסט געקענט מאַכן אַ לאַנגע נסיעה?
5 וואָס וואָלטסטו געטאָן אויב דו וואָלטסט געלעבט מיט הונדערט יאָר צוריק?

Dialogue 2

(CD2; 26)

Dovid has phoned all of the universities and has found out that he has been accepted to do a PhD in Melbourne, Australia. Meanwhile, Rokhl has been offered a job in New York. Now Khane, Rokhl, and Dovid are discussing how they'll keep in touch.

חנה איך קען נישט גלויבן אַז איר וועט אַוועקפֿאָרן! ווי וועלן מיר קענען בלײַבן אין קאָנטאַקט?

רחל וואָס מיינסטו, אַז מיר לעבן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט? מיר קענען רעדן אויף דער צעלקע, שיקן בליצבריוו, שמועסן אויף דער אינטערנעץ, און שטעלן נײַע בילדער פֿון זיך אַליין אויף פֿרײַנטשאַפֿט וועבזײַטלעך.

חנה רחל, האָסטו נישט מורא צו שטעלן אַזוי פֿיל פּערזענלעכע אינפֿאָרמאַציע אויף דער אינטערנעץ? איך האָב נישט אַזוי ליב דעם געדאַנק אַז אַלע זאָלן קענען לייענען וועגן מיר און קוקן אויף מײַנע בילדער.

רחל דו האָסט מורא פֿאַר אַלץ. די אינטערנעץ איז אין גאַנצן זיכער.

דוד איך בין מסכּים מיט רחלען. מע דאַרף נישט מורא האָבן פֿאַר דער אינטערנעץ.

חנה עס איז נישט נאַר אַז איך האָב מורא. איך האָב אויך רחמנות אויף מענטשן וואָס זיצן די גאַנצע צײַט בײַם קאָמפּיוטער מיט אַ צעלקע אין דער האַנט. אַזוי וועלן אמתע פֿאַרבינדונגען צווישן מענטשן נעלם ווערן.

רחל לאָמיר מאַכן אַזוי: איך און דוד וועלן שמועסן אויף דער אינטערנעץ, און דו קענסט שרײַבן בריוו און זיי שיקן מיט אַ טײַבעלע.

חנה מאַכט נישט חוזק פֿון מיר! איר וועט חרטה האָבן ווען איר וועט זען מײַנע שיינע בריוו!

Vocabulary

contact	קאָנטאַקט (דער), ־ן
to chat	שמועסן, גע־ט
myself, yourself, etc.	זיך אַליין
friendship	פֿרײַנטשאַפֿט (די), ־ן
website	וועבזײַטל (דאָס), ־עך
to be afraid (of) (see language point 3)	מורא [מוירע] האָבן (פֿאַר)
personal	פּערזענלעך
information	אינפֿאָרמאַציע (די), ־ס
safe; secure (in the above context)	זיכער
to agree (with) (see language point 3)	מסכּים [מאַסקעם] זײַן (מיט)
to feel sorry (for), to have pity (on) (see language point 3)	רחמנות [ראַכמאָנעס] האָבן (אויף)
real	אמת [עמעס]
connection; contact	פֿאַרבינדונג (די), ־ען

to disappear (see language point 3)	נעלם [ניילעם] ווערן
dove; pigeon	טײַבעלע ← טויב (די), ־ן
to make fun (of) (see language point 3)	חוזק [כויזעק] מאַכן (פֿון)
to regret (see language point 3)	חרטה [כאַראָטע] האָבן

Language points

2 Relative clauses

A relative clause is a clause that tells you a bit more about a subject or object that has just been mentioned (e.g. the girl who works here; the password that I forgot). In Yiddish it is very easy to form relative clauses; generally you can use וואָס to introduce them whatever the gender, case, and number of the antecedent (the person or thing about which you're giving more information). For example:

דער מענטש **וואָס** זיצט בײַם קאָמפּיוטער הייסט רחל.
The person **who** is sitting by the computer is called Rokhl.

דער וואָרטצייכן **וואָס** איך האָב פֿאַרגעסן איז געווען קאָמפּליצירט.
The password **that** I forgot was complicated.

However, there are a few points to consider. First, in addition to וואָס, the relative pronoun וועלכער can be used to form relative clauses. Unlike וואָס, וועלכער declines. It takes the same gender and case suffixes as a normal adjective except that the neuter nominative form is וועלכעס. For example:

דער מענטש **וועלכער** רעדט אויף אַ צעלקע הייסט דוד.
The person **who**'s speaking on a mobile is called Dovid.

דאָס בוך **וועלכעס** איך לייען איז פֿון שלום עליכמען.
The book **that** I'm reading is by Sholem Aleichem.

וועלכער is particularly commonly used when the relative pronoun is serving as an indirect object following a preposition. For example:

דאָס איז די פֿרוי **וועגן וועלכער** איך האָב געהערט.
That's the woman **about whom** I heard.

דאָס איז דער קאָמפּיוטער **מיט וועלכן** איך האָב געהאַט פּראָבלעמען.
That's the computer **with which** I had problems.

Additionally, if the antecedent is a person and the relative pronoun is functioning as a direct or indirect object, you can use וועמען (corresponding to the English relative pronoun 'whom') instead of וואָס or וועלכער. For example:

דער מענטש **וועמען** איך האָב געזען הייסט רחל.
The person **whom** I saw is called Rokhl.

דער מענטש מיט **וועמען** איך האָב גערעדט הייסט רחל.
The person with **whom** I spoke is called Rokhl.

The possessive form of וועמען is וועמענס (whose):

דער מענטש **וועמענס** נאָמען איז רחל זיצט בײַם קאָמפּיוטער.
The person **whose** name is Rokhl is sitting by the computer.

There are other ways of forming relative clauses in Yiddish, but you can learn them at a later stage of study.

3 Periphrastic verbs

There is another category of verbs in Yiddish called 'periphrastic' verbs. You are already familiar with two common periphrastic verbs, ליב האָבן and פֿײַנט האָבן. In Dialogue 2 you encountered a few more, e.g. מסכּים זײַן, נעלם ווערן. These verbs are all made up of two parts ('periphrastic' means something with more than one part), a conjugated part (e.g. האָבן, זײַן) and an unchanging part (e.g. ליב, מסכּים). The unchanging part gives the meaning of the verb, while the conjugated part functions as an auxiliary verb. Unlike prefixed verbs, periphrastic verbs cannot be divided into different categories of meaning depending on the auxiliary verb or unchanging part; just learn the meaning of each one as you encounter it. Often the unchanging part of periphrastic verbs derives from *loshn-koydesh* (e.g. מסכּים, חרטה), but not always.

Most periphrastic verbs have האָבן or זײַן as their auxiliary verb, but quite a few have ווערן and some have מאַכן. Occasionally periphrastic verbs have a different auxiliary verb, e.g. אָנטייל נעמען (to participate) uses נעמען.

The infinitive of periphrastic verbs always starts with the unchanging part, followed by the auxiliary verb (e.g. מסכּים זײַן). To form the present tense, reverse the order:

Plural		Singular	
מיר זענען\זײַנען מסכּים	1st person plural	איך בין מסכּים	1st person singular
איר זײַט מסכּים	2nd person plural	דו ביסט מסכּים	2nd person singular
זיי זענען\זײַנען מסכּים	3rd person plural	ער\זי\עס איז מסכּים	3rd person singular

To negate, put נישט\ניט between the two parts (i.e. after the conjugated part, as usual):

איך בין **נישט** מסכּים.
I **don't** agree.

To form the past tense, first put the conjugated (auxiliary) verb into the past, and then stick the unchanging part between the two parts of the conjugated verb:

ליב האָבן ← איך האָב געהאַט ← איך האָב **ליב** געהאַט
חוזק מאַכן ← איך האָב געמאַכט ← איך האָב **חוזק** געמאַכט
אָנטייל נעמען ← איך האָב גענומען ← איך האָב **אָנטייל** גענומען

To negate, put נישט\ניט directly after the conjugated part:

איך האָב **נישט** אָנטייל גענומען אין דער פּיעסע.
I **didn't** take part in the play.

A curious characteristic of periphrastic verbs formed with זײַן is that, contrary to what you would expect, they use האָבן as their past tense auxiliary verb. Pay special attention to this point because it is easy to forget. For example:

איך בין מסכּים ← איך **האָב** מסכּים געווען

However, periphrastic verbs formed with ווערן behave as expected and use זײַן as their past tense auxiliary verb:

עס ווערט נעלם ← עס **איז** נעלם געוואָרן

To form the future, start with the future auxiliary verb and then add the infinitive of the periphrastic verb, e.g.:

איך וועל מסכּים זײַן.
I'll agree.

To negate, put נישט/ניט after the future auxiliary verb:

איך וועל **נישט** מסכּים זײַן.
I **won't** agree.

When using צו before the infinitive of a periphrastic verb, put it between the two parts:

עס איז נישט גוט מורא **צו** האָבן.
It's not good **to** be afraid.

Exercise 3

Choose the correct relative pronoun from those provided in brackets.

1 דאָס פּאַפּיר, ________ (אויף וועלכער, וועמענס, אויף וועלכן) דודס וואָרטצײכנס זענען, ליגט אין גאַס (street).
2 חנה האָט רחמנות אויף מענטשן ________ (וועמען, וועלכן, וואָס) זיצן שטענדיק בײַם קאָמפּיוטער.
3 דער מענטש ________ (וואָס, וועמענס, וועלכער) וואָרטצײכנס זענען נעלם געוואָרן הייסט דוד.
4 דאָס מיידל ________ (מיט וועמען, וואָס, מיט וועלכעס) איך שמועס הייסט רחל.
5 עס איז כּדאַי צו קוקן אויף די וועבזײַטלעך ________ ________ (אויף וועמענס, אויף וועלכע, אויף וועמען) מע קען לייענען ייִדישע נײַעס.
6 דער מענטש ________ (וואָס, וועמענס, וועלכן) האָט נישט ליב פֿרײַנטשאַפֿט וועבזײַטלעך הייסט חנה.

Exercise 4

Answer the following questions in Yiddish, using the periphrastic verbs in bold.

1 **האָסטו ליב** צעלקעס?
2 **ביסטו מסכּים** אַז די אינטערנעץ איז אַ פּאָזיטיווע (positive) זאַך?
3 **האָט** חנה **רחמנות** אויף מענטשן וואָס ניצן די אינטערנעץ זייער אַ סך?
4 **מאַכט** רחל **חוזק** פֿון חנהן ווײַל זי וויל נישט ניצן די אינטערנעץ?
5 **האָט** חנה **מורא** אַז די אינטערנעץ איז נישט זיכער?

Exercise 5 **(CD2; 27)**

Rewrite this excerpt from Khane's journal, putting the bold verbs into the past tense. Check any unfamiliar verbs in the glossary.

רחל **מאַכט חוזק** פֿון מיר ווײַל איך זאָג שטענדיק אַז צעלקעס און
קאָמפּיוטערס **מאַכן קאַליע** די וועלט. זי **זאָגט**, „די אינטערנעץ איז
וווּנדערבאַר!“ אָבער איך **בין** נישט **מסכּים** מיט איר; איך **בין ממשיך** מיט
מײַנע געדאַנקען. אָפֿטמאָל **שרײַב** איך אַ לאַנגן בליצבריוו, און דער
בליצבריוו **ווערט** פּלוצעם **נעלם**. יעדעס מאָל **האָב** איך **חרטה** וואָס איך
האָב נישט געשריבן אַ בריוו מיט אַ פֿעדער און פּאַפּיר.

Exercise 6

Insert the correct future tense verb forms, using the infinitives provided in brackets at the end of each sentence.

1 אסתּר און חיים ______________ אין אַ וואָך אַרום. [חתונה האָבן]
2 דודס פֿעטער זאָגט, "דו ______________ אַז דו האָסט פֿאַרלאָזן די אַרבעט!" [חרטה האָבן]
3 רחל ______________ חנהס שײַנע בריוו. [ליב האָבן]
4 איך האָף אַז מײַנע נײַע בליצבריוו ______________. [נישט נעלם ווערן]
5 דו ______________ דעם נײַעם פֿילם, עס איז אַזוי שלעכט! [פּײַנט האָבן]

Supplementary text

(CD2; 28)

ייִדיש אויף דער אינטערנעץ

עס איז פֿאַראַן אַ סטערעאָטיפּישע מיינונג אַז ייִדיש איז אַן אַלטמאָדישע שפּראַך וואָס האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער מאָדערנער טעכנאָלאָגישער וועלט. כאָטש ס'איז אמת אַז ייִדיש שפּיגלט אָפּ די אוראַלטע קולטור-ירושה פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, איז עס אויך אַ מאָדערנע שפּראַך מיט אַלע פּיטשעווקעס. דאָס הייסט אַז ייִדיש געפֿינט זיך אויך אויף דער אינטערנעץ. אין דער אמתן, איז דאָס גאָר לאָגיש: ייִדיש איז דאָך אַ מינדערהייט-שפּראַך וואָס האָט נישט קיין געאָגראַפֿישן צענטער, אָבער דורך דער אינטערנעץ קענען ייִדיש רעדנדיקע מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט בלײַבן אין פֿאַרבינדונג און פֿאַרשפּרייטן ייִדישע מאַטעריאַלן. עס זענען דאָ אַ סך וועבזײַטלעך וואָס זענען זייער ניצלעך פֿאַר מענטשן וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט ייִדיש. מע קען למשל לייענען די ייִדישע צײַטונגען "פֿאָרווערטס" און "אַלגעמיינער זשורנאַל" אויף דער אינטערנעץ, און מע קען הערן ייִדישן ראַדיאָ פֿון, צום בײַשפּיל, אויסטראַליע, ניו-יאָרק, און ישׂראל. אויף דעם "פֿאָרווערטס" וועבזײַטל קען מען אויך זען ווידעאָ פּראָגראַמען אויף ייִדיש. עס זענען אויך פֿאַראַן וועבזײַטלעך מיט אַנדערע סאָרטן מאַטעריאַל. עס איז ממש כּדאי צו געבן אַ קוק אויפֿן וועבזײַטל פֿון דער נאַציאָנאַלער ייִדישער ביכער-צענטראַלע אין מאַסאַטשוסעטס, וווּ מע קען לייענען און אַראָפּנעמען בחינם איבער צען טויזנט קלאַסישע ייִדישע ביכער פֿון אַלע זשאַנערן. און עס איז אינטערעסאַנט צו וויסן אַז די פּאָפּולערע אינטערנעץ-ענציקלאָפּעדיע "וויקיפּעדיע" איז פֿאַראַן אויך אויף ייִדיש. עס אַנטוויקלט זיך כּסדר און דאָרטן קען מען געפֿינען טויזנטער אַרטיקלען וועגן כּלערליי טעמעס, אַרײַנגערעכנט ייִדישקייט, געשיכטע, חסידות, פּאָליטיק, מוזיק, געאָגראַפֿיע, מאַטעמאַטיק, און וועלט-קולטורן.

Unit Fifteen

איך פֿלעג לייענען אַ סך

I used to read a lot

In this unit you will learn:

- how to talk about things you used to do in the past
- the past habitual form פֿלעג
- the passive
- dative constructions
- how to express desire with זאָלן
- about Yiddish literature

Dialogue 1

(CD2; 30)

Dovid and Khane are discussing modern Yiddish literature with Rokhl, who specializes in this field.

דוד רחל, קענסטו מיר פֿאָרלייגן עפּעס צו לייענען פֿון די קלאַסיקער? דו ביסט דאָך אַ מבֿין.

רחל ס'איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל! האָסטו געלייענט "פֿישקע דער קרומער" פֿון מענדעלען, אָדער "מאָטל פּייסי דעם חזנס" פֿון שלום עליכמען? אָדער די חסידישע און פֿאָלקסטימלעכע מעשׂיות פֿון פּרצן?

דוד איך פֿלעג לייענען אַ סך מעשׂיות פֿון פּרצן און שלום עליכמען אַז איך בין געווען ייִנגער, אָבער איך האָב נישט געלייענט קיין סך פֿון מענדעלען. די שפּראַך איז אַ ביסל שווער, מיט אַ סך לשון-קודש ווערטער.

רחל אָבער ער איז דאָך דער זיידע! דו מוזסט אים לייענען. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען מענדעלען, פֿלעג איך זיצן מיט דער מעשׂה אין איין האַנט און אַ ווערטערבוך אין דער צווייטער. דו וועסט געניסן פֿון דעם, איך זאָג דיר צו.

חנה האָסט געלייענט עפּעס לעצטנס וואָס דו וואָלטסט רעקאָמענדירט?

רחל פֿריער פֿלעג איך לייענען אַ סך, אָבער לעצטנס האָב איך נישט קיין צײַט. וואָס מיט "די ברידער אַשכּנזי"? עס איז נישט געשריבן געוואָרן פֿון איינעם פֿון די קלאַסיקער, אָבער עס איז אַן אויסגעצייכנטער ראָמאַן.

חנה ווער האָט עס געשריבן? באַשעוויס?

רחל ניין, זײַן ברודער, י. י. זינגער. חנהלע, עס איז אַ שאָד וואָס איך קלײַב זיך אַריבער קיין אַמעריקע - דו האָסט אַ סך וואָס צו לערנען וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור!

Vocabulary

to suggest	פֿאָרלייגן, פֿאָרגעלייגט
classic author (of Yiddish literature)	קלאַסיקער (דער), -ס\-
expert	מבֿין [מייוון] (דער), -ים [מעווינים]
Fishke the Lame (novel by Mendele, published 1869/1888)	פֿישקע דער קרומער
Mendele Moykher Sforim (pseudonym of Sholem Jacob Abramowitz, 1835/6–1917) (see supplementary text)	מענדעלע
Motl Peyse the Cantor's Son (novel by Sholem Aleichem, published 1907–16)	מאָטל פּייסי דעם חזנס
folk-style	פֿאָלקסטימלעך
used to (see language point 1)	פֿלעג
loshn-koydesh	לשון-קודש [לאָשן-קוידעש] (דאָס)
after all; don't you realize	דאָך
to benefit (from)	געניסן, גענאָסן (פֿון)
to promise	צוזאָגן, צוגעזאָגט
to recommend	רעקאָמענדירן, -ט
earlier, previously	פֿריער
The Brothers Ashkenazi (novel by I. J. Singer, published 1936)	די ברידער אַשכּנזי [אַשקענאַזי]
excellent; outstanding	אויסגעצייכנט
by (in the above context)	פֿון

Bashevis (Isaac Bashevis Singer, 1904–91)	באַשעוויס
Israel Joshua Singer (Yiddish author, 1893–1944)	י. י. זינגער
[the fact] that (in the above context)	וואָס
to move	אַריבערקלײַבן זיך, זיך אַריבערגעקליבן
literature	ליטעראַטור (די), -ן

Language points

1 The past habitual form פּלעג

In Yiddish, if you want to talk about something that you did frequently or habitually in the past, you can use a special construction consisting of the form פּלעג, whose meaning is roughly equivalent to 'used to'. Even though פּלעג refers to the past, it conjugates like a present tense verb:

Plural		Singular	
מיר פּלעגן We used to	1st person plural	איך פּלעג I used to	1st person singular
איר פּלעגט You used to	2nd person plural	דו פּלעג**סט** You used to	2nd person singular
זיי פּלעגן They used to	3rd person plural	ער/זי/עס פּלעג(**ט**) He/she/it used to	3rd person singular

Note that the third person singular form has two equally acceptable variants, one with the expected ט- and one without it.

פּלעג is followed by the infinitive, e.g.:

איך **פּלעג לייענען** אַ סך ווען איך בין געווען ייִנגער.
I **used to read** a lot when I was younger.

To negate, put נישט/ניט between פּלעג and the infinitive:

איך פּלעג **נישט** לייענען קיין סך.
I **didn't** used to read a lot.

2 The passive

■ Forming the passive

The passive is a verbal form used when you want to say that the subject of a sentence is the one having the action done to him/her/it, e.g. 'the book gets written', 'the CD was played', 'the film will be shown'. In Yiddish the passive is formed with ווערן, which acts as an auxiliary verb indicating passivity and conjugates in all tenses, followed by the past participle denoting the action in question. You saw an example of this construction in Dialogue 1:

עס איז נישט געשריבן געוואָרן פֿון איינעם פֿון די קלאַסיקער.
It wasn't written by one of the classic authors.

The present tense of the passive is formed like this:

past participle of main verb	+	present tense of ווערן	+	subject ←
Example געשריבן	+	ווערט	+	דאָס בוך ←

דאָס בוך ווערט געשריבן.
The book is being written
(or: the book gets written).

The past tense is formed like this:

געוואָרן	+	past participle of main verb	+	present tense of זײַן (the past tense auxiliary verb for ווערן)	+	subject ←
Example געוואָרן	+	געשריבן	+	איז	+	דאָס בוך ←

דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן.
The book was written.

The future tense is formed like this:

ווערן	+	past participle of main verb	+	future auxiliary verb	+	subject ←
Example ווערן	+	געשריבן	+	וועט	+	דאָס בוך ←

דאָס בוך וועט געשריבן ווערן.
The book will be written.

Unfulfilled conditions are formed like this:

	געוואָרן	+	past participle of main verb	+	וואָלט	+	subject ←
Example	געוואָרן	+	געשריבן	+	וואָלט	+	דאָס בוך ←

דאָס בוך וואָלט געשריבן געוואָרן . . .
The book would be written...

To negate a passive verb in any tense, put נישט\ניט after the conjugated part, e.g.:

דאָס בוך ווערט **נישט** געשריבן.
The book **isn't** being written.

דאָס בוך איז **נישט** געשריבן געוואָרן.
The book **wasn't** written.

■ Using the passive

The passive is used less frequently in Yiddish than in English, because active sentences with the impersonal pronoun מען can be used in the same way (e.g. you could say מע האָט געשריבן אַ בוך instead of אַ בוך איז געשריבן געוואָרן). However, the passive is still common enough, particularly with inanimate third person subjects (e.g. אַ בוך, אַ פּיעסע).

Often in a passive sentence the agent (the person or thing who caused the passive action to happen) is not mentioned. For example, in the sentence אַ בוך איז געשריבן געוואָרן, we don't know by whom the book was written. However, it is possible to add this information using the preposition פֿון (which in this context means 'by') followed by the agent in the dative. For example:

דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן **פֿון מענדעלען**.
The book was written **by Mendele**.

Exercise 1

Insert the correct form of פֿלעג into these sentences.

1 איך ________ . שרײַבן בריוו מיט דער האַנט איידער איך האָב געקויפֿט אַ קאָמפּיוטער.

2 רחל ________ גיין אָפֿט אין קרעטשמע ווען זי איז געווען אַ סטודענטקע.

3 דוד ________ טרינקען אַ סך קאַווע ווען ער האָט געאַרבעט אין ביוראָ.
4 מיר ________ ... נישט גיין אין קינאָ אַזוי אָפֿט, אָבער איצט גייען מיר אַ סך.
5 ________ דו גיין אין "פֿאָלקסבינע" ווען דו האָסט געוווינט אין ניו-יאָרק?
6 ________ איר לייענען אַ סך ביכער ווען איר זײַט געווען קינדער?

Exercise 2 (CD2; 31)

Use these prompts to make sentences with פֿלעג describing what Dovid used to do as a child.

1 לייענען ביכער
2 מאָלן (paint) בילדער
3 הערן מוזיק
4 רעדן מיט חבֿרים
5 גיין אין פּאַרק
6 שפּילן פֿידל
7 שרײַבן מעשׂיות
8 נישט זען קיין סך טעלעוויזיע

Exercise 3

Khane has been reading about Yiddish literature and has made some notes for herself. Rewrite each sentence of her notes in the passive. If the subject of the active sentence is מען, the passive sentence won't have an agent. Check any unfamiliar vocabulary in the glossary.

שלום־עליכם האָט געשריבן אַ סך מעשׂיות וועגן טבֿיה דעם מילכיקער.
מע האָט פּובליקירט די מעשׂיות אין ייִדישע צײַטונגען. אַ סך מענטשן האָבן
געלייענט די מעשׂיות. מע האָט געמאַכט אַ ייִדישע פּיעסע און שפּעטער אַ
פֿילם וועגן טבֿיהן. אין 1964 האָט מען געמאַכט אַ פּיעסע אויף ענגליש.
מע רופֿט די פּיעסע "פֿידלער אויפֿן דאַך." מע האָט באַזירט די פּיעסע
אויף שלום עליכמס מעשׂיות. הײַנט פֿאַרקויפֿט מען דעם ייִדישן פֿילם אין
קראָמען און אויף דער אינטערנעץ. און מע וועט זיכער פֿאָרשטעלן די
פּיעסע נאָך אַ סך מאָל אויף ייִדיש.

Dialogue 2

(CD2; 32)

Dovid, Khane, and Rokhl are meeting for one of the last times before Dovid and Rokhl are due to leave for Australia and America. But all does not go as expected.

חנה מיר איז אַזוי אומעטיק! איך וויל אַז איר זאָלט בלײַבן דאָ. אָבער איך ווייס אַז אײַך וועט זײַן גוט אין אַמעריקע און אין אויסטראַליע. דוד, ווילסט אַז מיר זאָלן דיך באַגלייטן אין פֿליפֿלאַץ?

דוד נו . . . איך מוז אײַך עפּעס דערציילן. געדענקט איר אַז איך האָב טעלעפֿאָנירט אַלע אוניווערסיטעטן? נו, איך בין צעמישט געוואָרן ווײַל איך האָב גערעדט מיט אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע אוניווערסיטעטן. איך האָב געמיינט אַז מײַן אַפּליקאַציע איז אָנגענומען געוואָרן אין מעלבורן, אָבער כ'האָב זיך ערשט דערוווּסט אַז עס איז געווען לאָנדאָן.

רחל וואָס? איז דו וועסט שרײַבן דעם דאָקטאָראַט דאָ?!

חנה דוד, דאָס איז וווּנדערבאַרע נײַעס! אָבער ס'איז נאָך אַלץ אַזוי טרויעריק אַז רחל פֿאָרט קיין אַמעריקע. רחל, איך האָב געוואָלט אַז דו זאָלסט געפֿינען אַרבעט אין לאָנדאָן און מיך לערנען ייִדישע ליטעראַטור!

רחל נו, איך האָב אויך נײַעס פֿאַר אײַך. נעכטן האָט מען מיר געמאָלדן אַז איך האָב באַקומען אַ פּאָסטן ווי אַ לערערקע פֿון מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין אוניווערסיטעט דאָ.

דוד וואָס? איז דו וועסט אויך בלײַבן אין לאָנדאָן?!

רחל נישט נאָר דאָס – איך וועל זײַן אינעם זעלבן אָפּטייל ווי דו, און חנה וועט קענען קומען אויף מײַנע לעקציעס.

חנה אוי, מיר וועלן לעבן ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך! אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט!

Vocabulary

sad	אומעטיק
to accompany	באַגלייטן, -ט
confused	צעמישט
just (i.e. I've just found out)	ערשט
so (not to be confused with the identically written and pronounced third person singular form of the verb זײַן)	איז

news	נײַעס (דיוודאָס), -
to inform	מעלדן, געמאָלדן
department	אָפּטייל (דער), ־ן

Idioms and proverbs

to live the good life (literally: to live like God in France)	לעבן ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך
All's well that ends well.	אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט.

Language points

3 Dative constructions

In Dialogue 2 Khane said,

מיר איז אַזוי אומעטיק!

This means 'I'm so sad' but literally translates as 'for me [it] is so sad!' In this sentence, the dative pronoun מיר is used with reference to what we would think of as the subject (i.e. 'I'), and the verb is third person singular rather than first person singular.

This is called a 'dative construction' because the pronoun or noun referring to what we would expect to be the subject is in the dative instead of the nominative.

Technically, the subject in such constructions is עס. If the dative pronoun or noun starts the sentence, this עס disappears, as in the above example. However, it is also possible to start the sentence with עס and put the dative pronoun or noun after the verb, e.g.:

עס איז מיר אַזוי אומעטיק!

Dative constructions are standard in sentences containing an adjective referring to an emotion or physical experience (usually temperature), e.g. קאַלט, הייס, אומעטיק, גוט, שלעכט.

If the dative element is a noun, the definite article (and any associated adjectives) will be in the dative without a preposition, e.g.:

דעם קליינעם קינד איז הייס.
The small child is hot (literally: [it]'s hot [for] the small child).

If the dative element is a person's name, it takes the accusative/dative suffix:

> **רחלען** איז שלעכט.
> Rokhl's not well (literally: [it]'s bad [for] Rokhl).

Pay special attention to this construction because it's quite different from English and therefore easy to forget. Keep in mind that if you directly translate an English sentence like 'I'm hot' into Yiddish, the meaning is quite different: איך בין הייס means 'I'm hot to the touch', not 'I feel hot'.

4 Expressing desire with זאָלן

In Yiddish, to say that someone wants to do something, you use the construction subject + וועלן + infinitive, e.g. דוד וויל לייענען מענדעלען. This is the same as English (Dovid wants to read Mendele).

However, to say that someone wants *someone else* to do something, the Yiddish construction is different from English. Look at this example:

> איך וויל אַז איר זאָלט בלײַבן דאָ.
> I want you to stay here (literally: I want that you should stay here).

The construction is formed like this:

infinitive	+	זאָלן in present tense	+	subject 2	+	אַז (optional)	+	וועלן (in appropriate tense)	+	subject 1 ←

This construction is also used with the verbs פֿאָדערן (demand/require) and הייסן (which can mean 'command/order' as well as 'be called'), e.g.:

> דער לערער פֿאָדערט (אַז) די סטודענטן זאָלן לייענען פּרצן.
> The teacher requires the students to read Peretz.

Exercise 4

Use these prompts to make sentences with dative constructions.

Example ___ (דאָס קינד), הייס. ← דעם קינד איז הייס.

___ (ער), גוט. ← אים איז גוט.

1 ______ (איך), קאַלט
2 ______ (די חבֿרים), גוט
3 ______ (מיר), צו וואַרעם
4 ______ (זי), אומעטיק
5 ______ (רחל), נישט גוט

Exercise 5 **(CD2; 33)**

Use these prompts to make sentences expressing desire with זאָלן.

Example חנה, רחל, בלײַבן אין לאָנדאָן ← חנה וויל (אַז) רחל זאָל בלײַבן אין לאָנדאָן.

1 רחל, דוד, לייענען מענדעלען
2 רחל, חנה, שטודירן ייִדישע ליטעראַטור
3 דער פֿעטער יאַנקל, דוד, נישט שרײַבן קיין דאָקטאָראַט
4 די לערערקע, די סטודענטן, ליב האָבן ייִדיש
5 איך, איר, זען ייִדישע פֿילמען
6 מיר, די דרײַ חבֿרים, לעבן ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך

Supplementary text

(CD2; 34)

די ייִדישע ליטעראַטור

עס איז פֿאַראַן זייער אַן אַלטע טראַדיציע פֿון ליטעראַטור אויף ייִדיש. מע קען שוין געפֿינען שפּורן פֿון ייִדיש אין די תּנ"ך קאָמענטאַרן פֿון דעם באַרימטן רבֿ רש"י, וועלכער האָט געלעבט אין פֿראַנקרײַך מיט טויזנט יאָר צוריק. אָבער דער ערשטער דאַטירטער באַווײַז פֿון ייִדיש אין אַ טעקסט איז אין אַ מחזור פֿון 1272. אין מיטל-עלטער האָט זיך אַנטוויקלט זייער אַ רײַכע ליטעראַטור אויף ייִדיש וואָס האָט כּולל געווען, צווישן אַנדערע, איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פֿון תּנ"ך מעשׂיות, משלים, לידער,

מוסר, און נוסחאות פֿון אייראָפּעיִשע מעשׂיות (ווי למשל דאָס באַרימטע "באָווע-בוך", וואָס איז באַזירט געוואָרן אויף אַן איטאַליעניש מקור), און מעדיצינישע טעקסטן. אין 17טן יאָרהונדערט איז פּובליקירט געוואָרן איינס פֿון די סאַמע באַרימטסטע ווערק אין דער ייִדישער ליטעראַטור, די "צאינה-וראינה", אַ דערקלערונג און אינטערפּרעטאַציע פֿונעם תּנ"ך וואָס ווערט שטודירט ביזן הײַנטיקן טאָג. אַן אַנדער גאָר וויכטיק ווערק פֿון דער תּקופֿה איז אַ בוך וואָס איז געשריבן געוואָרן פֿון גליקל האַמל, אַ בעל-הבתּישע אַלמנה וואָס האָט געשריבן וועגן איר לעבן און פֿון וועלכער מע קען לערנען אַ סך וועגן דעם מצבֿ פֿון ייִדן אין דער דאָזיקער צײַט.

טראָץ אָט דער רײַכער טראַדיציע פֿון ליטעראַטור, האָבן ייִדן בדרך-כּלל נישט געטראַכט פֿון ייִדיש ווי אַ שפּראַך פֿון הויכער קולטור, און אַ מאָדערנע ליטעראַטור האָט זיך נישט אַנטוויקלט ביז רעלאַטיוו שפּעט. מיט דער השׂכּלה אין 19טן יאָרהונדערט האָט זיך פֿאַרשפּרייט דאָס שרײַבן פֿון מעשׂיות און ראָמאַנען בײַ ייִדן, אָבער מע האָט אויסגעמיטן ייִדיש בײַם אָנהייב און אַנשטאָט דעם געשריבן אויף לשון-קודש, דײַטש, אָדער אַנדערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. אָבער אין מיטן 19טן יאָרהונדערט האָט מען אָנגעהויבן שרײַבן אַ סך מעשׂיות און ראָמאַנען אויף ייִדיש אויך, כּדי די מאַסן וואָס האָבן גערעדט נאָר ייִדיש זאָלן האָבן צוטריט צו די ווערק. עס איז גיך אַנטוויקלט געוואָרן אַ גרויסע און רײַכע ליטעראַטור. איינער פֿון די גרעסטע שרײַבער פֿון דער תּקופֿה איז מענדעלע מוכר ספֿרים, וואָס ווערט גערופֿן "דער זיידע פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור". ער האָט געשריבן מעשׂיות און ראָמאַנען מיט אַ סך הומאָר און שאַרפֿקייט וועגן דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין מיזרח-אייראָפּע. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף שלום עליכמען און י. ל. פּרצן, וואָס האָבן געשריבן וועגן כּמעט אַלע אַספּעקטן פֿון דעם ייִדישן לעבן אין זייער תּקופֿה. מענדעלע, שלום עליכם, און פּרץ ווערן גערופֿן די דרײַ "קלאַסיקער" פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 20טן יאָרהונדערט איז געווען אַ ריזיקער אויפֿבלי פֿון פּראָזע, פּאָעזיע, דראַמעס, צײַטונגען, ליטעראַרישע זשורנאַלן, און עסייען אויף ייִדיש סײַ אין מיזרח-אייראָפּע און סײַ אין די לענדער אין וועלכע ייִדן האָבן אימיגרירט. אָבער דער חורבן האָט צעשטערט די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ס'רובֿ מיזרח-אייראָפּעיִשע לענדער. ייִדישע שרײַבער האָבן ממשיך געווען זייער טעטיקייט אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, אָבער אַ סך פֿון זיי זענען געהרגעט געוואָרן פֿון סטאַלינען אין 1952. אין ישׂראל איז דער מצבֿ אויך געווען שווער ווײַל עס איז געווען אַ שטאַרקע אַנטיפּאַטיע צו ייִדיש, כאָטש עטלעכע באַרימטע ייִדישע שרײַבער, ווי למשל אַבֿרהם סוצקעווער, יאָסל בירשטיין, אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש, און אַנדערע, האָבן געלעבט און געאַרבעט דאָרט נאָך דער מלחמה. ייִדישע אימיגראַנטן אין מערבֿ-אייראָפּע, אַמעריקע, און אַנדערע

לענדער האָבן ממשיך געווען צו שרײַבן, אָבער צוליב אַסימילאַציע זענען שוין נישט געווען קיין סך לייענערס צווישן די ייִנגערע דורות. הײַנט צו טאָג קען מען נאָך אַלץ געפֿינען נײַע ביכער אויף ייִדיש, נאָר אין די וועלטלעכע קרײַזן זענען נײַע ליטעראַרישע ווערק אַ זעלטנקייט. אין די חסידישע קרײַזן ווערן אָבער פּובליקירט אַ היפּש ביסל נײַע ייִדישע ראָמאַנען, ס'רובֿ דעטעקטיוו-ראָמאַנען און משפּחה דראַמעס. מע קען אויך געפֿינען קינדער ביכער אויף ייִדיש, סײַ אין די חסידישע און סײַ אין די וועלטלעכע קרײַזן. און עס איז דאָ אַזוי פֿיל מאַטעריאַל פֿון דער בלי-תּקופֿה פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור (וואָס ווערט זייער ווייניק איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן) אַז לייענערס פֿון ייִדיש וועלן שטענדיק האָבן מיט וואָס זיך צו באַשעפֿטיקן.

Additional resources

Here are some more resources to help you as you continue studying Yiddish. This list is intended to provide a good selection but is not exhaustive.

Background reading about Yiddish

Harshav, Benjamin. 1990. *The Meaning of Yiddish*. Berkeley and Los Angeles: University of California Press.

Katz, Dovid. 2004. *Words on Fire: The Unfinished Story of Yiddish*. New York: Basic Books.

Weinreich, Max. 2008. *History of the Yiddish Language*. 2 volumes. Edited by Paul Glasser; translated by Shlomo Noble with the assistance of Joshua A. Fishman. New Haven, CT: Yale University Press.

Dictionaries

Harkavy, Alexander. 1928. *Yiddish–English–Hebrew Dictionary*. Reprinted, New Haven, CT, Yale University Press, 2006.

A good, comprehensive dictionary, although dated.

Niborski, Yitskhok. 1997. *ווערטערבוך פֿון לשון-קודש-שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש*. Paris: Bibliothèque Medem.

Dedicated solely to words deriving from *loshn-koydesh* component, with phonetic transcription, definition, and examples.

Niborski, Yitskhok and Bernard Vaisbrot. 2002. *Dictionnaire Yiddish–Français*. Paris: Bibliothèque Medem.

The most up-to-date, comprehensive Yiddish dictionary. Yiddish–French only.

Weinreich, Uriel. 1968. *Modern English–Yiddish Yiddish–English Dictionary*. New York: Random House.

A good first dictionary for learners and the only one with an English–Yiddish section.

Grammars

Jacobs, Neil. 2005. *Yiddish: A Linguistic Introduction*. Cambridge: Cambridge University Press.

Katz, Dovid. 1987. *Grammar of the Yiddish Language*. London: Duckworth.

Mark, Yudel. 1978. *גראַמאַטיק פֿון דער ייִדישער כּלל-שפּראַך*. New York: Congress for Jewish Culture.

Online bookstores

http://www.bikher.org/
National Yiddish Book Center, with bookstore and over 10,000 free downloadable Yiddish texts.

http://www.yiddishstore.com/
Yiddish books, CDs, and DVDs.

http://www.yiddishweb.com/
Bookstore of the Medem Biblyotek.

Online newspapers

http://www.yiddish.forward.com

http://www.algemeiner.com/generic.asp?cat=4

Online radio

http://www.yiddish.forward.com
Weekly 1-hour programme from New York.

http://www.sbs.com.au/yourlanguage/yiddish
Twice weekly 1-hour programme from Australia.

Summer courses

London (1 week; annual): http://www.jmi.org.uk/

New York (6 weeks; annual): http://yivo.as.nyu.edu/page/home

Paris (3 weeks; every 3 years): http://www.yiddishweb.com/

Tel Aviv (4 weeks; annual):
https://www.telavivuniv.org/SummerYiddish.aspx

Vilnius (4 weeks; annual):
http://www.judaicvilnius.com/en/main/summer/introduction

Textbooks with intermediate/advanced material

Aptroot, Marion and Holger Nath. 2002. *Einführung in die jiddische Sprache und Kultur*. Hamburg: Helmut Buske Verlag.

Estraikh, Gennady. 1996. *Intensive Yiddish*. Oxford: Oksforder Yidish Press.

Goldberg, David. 1996. *Yidish af Yidish*. New Haven, CT: Yale University Press.

Shaechter, Mordkhe. 2003. *Yiddish II: An Intermediate and Advanced Textbook*. Fourth edition. New York: League for Yiddish.

Zucker, Sheva. 2002. *Yiddish: An Introduction to the Language, Literature and Culture, Volume II*. New York: Workmen's Circle.

Grammar summary

Nouns and pronouns

The indefinite article

The indefinite article is אַ before consonants and אַן before vowels.

Noun gender, number, and case

Yiddish has three genders (masculine, feminine, and neuter), two numbers (singular and plural), and three cases (nominative [subject case], accusative [direct object case], and dative [indirect object case]). Definite articles and adjectives change according to gender, number, and case as follows:

<table>
<tr><td>Dative</td><td>Accusative</td><td>Nominative</td><td></td></tr>
<tr><td colspan="2">דעם גוטן מאַן
אַ גוטן מאַן</td><td>דער גוטער מאַן
אַ גוטער מאַן</td><td>Masculine</td></tr>
<tr><td>דער גוטער פֿרוי
אַ גוטער פֿרוי</td><td colspan="2">די גוטע פֿרוי
אַ גוטע פֿרוי</td><td>Feminine</td></tr>
<tr><td>דעם גוטן בוך</td><td colspan="2">דאָס גוטע בוך</td><td rowspan="2">Neuter</td></tr>
<tr><td colspan="3">אַ גוט בוך</td></tr>
<tr><td colspan="3">(די) גוטע מענער, פֿרויען, ביכער</td><td>Plural</td></tr>
</table>

Pronouns

The pronouns decline as follows:

Dative	Accusative	Nominative	
מיר	מיך	איך	1st person singular
דיר	דיך	דו	2nd person singular
אים		ער	3rd person masculine singular
איר	זי		3rd person feminine singular
אים	עס		3rd person neuter singular

אונדז	מיר	1st person plural
אײַך	איר	2nd person plural
זיי		3rd person plural

Plurals

Yiddish plurals can be formed by adding one of the following suffixes to the noun:

1 -ס
2 -ות
3 -ים
4 -עך (for diminutives)
5 -ך (for iminutives)
6 -עס
7 -ער (sometimes with vowel change in base)
8 -ן
9 -ען.

The following possibilities exist as well:

1 no suffix; vowel change in base
2 no distinct plural form.

Diminutive and iminutive

The diminutive is formed by adding ל- to the noun. In addition, one of the following vowel changes may occur:

ע	←	אַ אָ
ײַ	←	וי
ײ	←	ױ
י	←	ו

Additionally, if the noun ends in ן, ד is added before the diminutive suffix. If the noun ends in a vowel plus ל, כ is added before the diminutive suffix.

The iminutive is formed by adding עלע- to the noun. The vowel and consonant changes found in the diminutive apply to the iminutive as well.

Adjectives

Adjective gender and case

See Noun gender, number, and case.

Use of adjectives

Adjectives do not decline when following a verb (usually זײַן) and not directly preceding a noun.

Adjectives decline for gender, number, and case if they directly precede their associated noun.

Exceptional adjectives

The masculine accusative/dative and neuter dative suffix of two types of adjectives differ from the standard listed above:

1 Adjectives whose base form ends in ן take the suffix עם-.
2 Adjectives whose base form ends in ם *or* in a stressed vowel/diphthong take the suffix ען-. (Note that the adjective נײַ is exceptional, taking the suffix עם- instead of ען-.)

■ Other exceptions

1 יענער and יעדער
The neuter nominative/accusative of these adjectives is יענס and יעדעס respectively.
2 אַנדער
When following אַן this declines only for number, not gender or case.
3 Adjectives ending in ער- based on place names do not decline at all.

Comparative adjectives

The comparative is formed by adding ער- to the adjective.
In addition, the following vowel changes may occur:

1	ע	←	אַ
			אָ
			וי
			ײ
2	י	←	ו

This list contains the most common comparative adjectives with vowel changes.

עלטער		אַלט
קעלטער		קאַלט
נעענטער		נאָענט
גרעסער		גרויס
העכער		הויך
קלענער	←	קליין
שענער		שיין
ייִנגער		יונג
פֿרימער		פֿרום
קירצער		קורץ
געזינטער		געזונט

These adjectives have irregular comparative forms:

בעסער	←	גוט
ערגער		שלעכט

Superlative adjectives

The superlative is formed by replacing the comparative suffix ער- with the superlative suffix סט-. Any vowel changes and other irregularities found in the comparative remain.

The superlative is used in conjunction with the definite article and appropriate gender and case suffixes.

Possessive adjectives

Possessive adjectives have two forms, singular and plural. They do not decline for gender or case.

Plural		Singular	
מײַנע	1st person singular	מײַן	1st person singular
דײַנע	2nd person singular	דײַן	2nd person singular
זײַנע אירע	3rd person singular	זײַן איר	3rd person singular
אונדזערע	1st person plural	אונדזער	1st person plural
אײַערע	2nd person plural	אײַער	2nd person plural
זייערע	3rd person plural	זייער	3rd person plural

Adverbs

Adverbs are identical to the base form of adjectives.

Comparative adverbs are identical to the base form of comparative adjectives.

Superlative adverbs consist of צום or אַם- followed by the superlative adjective with masculine singular accusative suffix.

Verbs

Infinitives

The infinitive of most verbs is formed with the suffix ן-, e.g. שרײַבן, טאַנצן.

The suffix ען- is used with verbs whose base ends in one of the following letters or combinations of letters:

1 מ, e.g. קומען
2 נ, e.g. וויינען
3 נג, e.g. זינגען
4 נק, e.g. טרינקען
5 ל preceded by a consonant, e.g. שמייכלען
6 a stressed vowel or diphthong, e.g. שרײַען.

Regular verbs in the present tense

The present tense of regular verbs is formed by removing the infinitive suffix and adding the appropriate personal suffixes.

The present tense of verbs with the infinitive suffix ן- is formed as follows:

Plural		Singular	
מיר שרײַבן	1st person plural	איך שרײַב	1st person singular
איר שרײַבט	2nd person plural	דו שרײַבסט	2nd person singular
זיי שרײַבן	3rd person plural	ער/זי/עס שרײַבט	3rd person singular

The present tense of verbs with the infinitive suffix ען- is formed as follows:

Plural		Singular	
מיר וויינען	1st person plural	איך וויין	1st person singular
איר וויינט	2nd person plural	דו וויינסט	2nd person singular
זיי וויינען	3rd person plural	ער/זי/עס וויינט	3rd person singular

Additional points:

1 In questions, the second person singular pronoun דו merges with the verb and the ד disappears, e.g. שרײַבסט דו → שרײַבסטו.
2 If the base of the verb ends in ס, the second person singular suffix is ט- instead of סט-, e.g. עסן → דו עסט.
3 If the base of the verb ends in ט, the third person singular suffix is not added, e.g. אַרבעטן → ער אַרבעט.

Modal verbs

Yiddish has seven modal verbs:

דאַרפֿן
וועלן
זאָלן
מוזן
מעגן
נישט טאָרן
קענען

Modal verbs differ from other verbs as follows:

1 The third person singular present tense form does not take a suffix.
2 If a modal verb is followed by an infinitive, the infinitive is not introduced by צו.

Irregular verbs in the present tense

The following nine common verbs are irregular in the present tense.

1 The verb זײַן conjugates as follows:

Plural		Singular	
מיר זענען/זײַנען	1st person plural	איך בין	1st person singular
איר זײַט/זענט	2nd person plural	דו ביסט	2nd person singular
זיי זענען/זײַנען	3rd person plural	ער/זי/עס איז	3rd person singular

2 The first and third person plural suffix of the verbs גיין, שטיין, and פֿאַרשטיין is ען- instead of ן-.
3 The base vowel of the verb טאָן becomes ו and the first and third person plural suffix is ען-.
4 The base vowel of the verb וויסן becomes יי.
5 The base vowel of the verb געבן becomes י and the ב disappears in the second and third person singular and second person plural.
6 The base vowel of the modal verb וועלן becomes י.
7 The verb האָבן drops the ב in the second and third person singular and the second person plural.

Negation

To make a sentence negative, put ניט/נישט directly after the conjugated part of the verb.

If the object or predicate (the part of the sentence following the verb זײַן) is indefinite, insert קיין immediately before it, e.g. איך האָב אַ טעלעוויזיע → איך האָב **נישט קיין** טעלעוויזיע.

Imperative

There are two imperative forms, singular and plural. The singular is identical to the first person singular present tense form (except for זײַן, whose imperative is זײַ). The plural is formed by suffixing ט- to the singular (except if the singular already ends in ט).

First person plural commands are formed with לאָמיר ('let's') + infinitive.

Past tense

The past tense is formed with the appropriate present tense form of האָבן or זײַן + past participle.

The past participle consists of the base of the verb with the prefix -גע and the suffix ט- or ן-. Sometimes there are vowel and/or consonant changes to the base as well.

This table illustrates the past tense of the verb װױנען.

Plural		Singular	
מיר האָבן **געװױנט**	1st person plural	איך האָב **געװױנט**	1st person singular
איר האָט **געװױנט**	2nd person plural	דו האָסט **געװױנט**	2nd person singular
זײ האָבן **געװױנט**	3rd person plural	ער/זי/עס האָט **געװױנט**	3rd person singular

These verbs have זײַן as their past tense auxiliary verb*:

1	בלײַבן	12	פֿאָרן
2	גײן	13	פֿליִען
3	געפֿעלן	14	קומען
4	הענגען	15	קריכן
5	װאַקסן	16	רײַטן
6	װערן	17	שװימען
7	זײַן	18	שטאַרבן
8	זיצן	19	שטײן
9	לויפֿן	20	שלאָפֿן
10	ליגן	21	שפּרינגען
11	פֿאַלן		

Future tense

The future is formed with an auxiliary verb equivalent to 'will' (shown below), followed by the infinitive.

Plural		Singular	
מיר װעלן	1st person plural	איך װעל	1st person singular
איר **װעט**	2nd person plural	דו **װעסט**	2nd person singular
זײ װעלן	3rd person plural	ער/זי/עס **װעט**	3rd person singular

* Another verb not studied in this course, געשען (to happen), also conjugates with זײַן.

Past habitual (פֿלעג)

Past habitual actions can be expressed with the form פֿלעג + infinitive. פֿלעג conjugates as follows:

Plural		Singular	
מיר פֿלעגן	1st person plural	איך פֿלעג	1st person singular
איר פֿלעגט	2nd person plural	דו פֿלעגסט	2nd person singular
זיי פֿלעגן	3rd person plural	ער/זי/עס פֿלעג(ט)	3rd person singular

Unstressed prefixed verbs

Verbs with one of the prefixes listed below differ from other verbs as their past participles do not take the -גע prefix, only the ט- or ן- suffix.

1 אַנט-
2 באַ-
3 גע-
4 דער-
5 פֿאַר-
6 צע-

Verbs ending in -ירן

Similarly, the past participles of verbs ending in -ירן do not take the -גע prefix; furthermore, they always take the ט- suffix.

Verbs with זיך

The reflexive pronoun זיך is placed directly after the conjugated part of the verb. If the verb is negative, נישט/ניט goes after זיך:

present tense	איך לערן **זיך** (נישט/ניט)
past tense	איך האָב **זיך** (נישט/ניט) געלערנט
future tense	איך וועל **זיך** (נישט/ניט) לערנען
imperative	לערן **זיך** (נישט/ניט)!
פֿלעג	איך פֿלעג **זיך** (נישט/ניט) לערנען
וואָלט	איך וואָלט **זיך** (נישט/ניט) געלערנט

Converbs (stressed prefixed verbs)

Converbs conjugate as follows:

infinitive	**אָנ**הייבן; **אָנ**צוהייבן
present tense	איך הייב **אָן**
past tense	איך האָב **אָנ**געהויבן
future tense	איך וועל **אָנ**הייבן
imperative	הייב **אָן**!
פֿלעג	איך פֿלעג **אָנ**הייבן
וואָלט	איך וואָלט **אָנ**געהויבן

These are the most common converb prefixes:

Category 1 (transparent meaning)

(אַ)דורכ-
אַוועק-
אַנטקעגנ-
אַנידער-
אַראָפּ-
אַרויס-
אַרויפֿ-
אַרומ-
אַרונטער-
אַריבער-
אַרײַנ-
מיט-
נאָך-
פֿאַרבײַ-
פֿאָרויס-
פֿונאַנדער-
צוזאַמען
צונויפֿ-
צוריק-

Category 2 (less transparent meaning)

אָנ-	אויס-
אָפּ-	אויפֿ-
ביַי-	אום-
פֿאַר-	אונטער-
צו-	איבער-
	אײַנ-

Periphrastic verbs

Periphrastic verbs consist of an unchanging part and a conjugating part, usually האָבן, זײַן, or ווערן but occasionally other verbs, e.g. מאַכן, נעמען. They conjugate as follows:

infinitive	מסכּים זײַן
present tense	איך בין מסכּים
past tense	איך האָב מסכּים געווען
future tense	איך וועל מסכּים זײַן
imperative	זײַ מסכּים!
פֿלעג	איך פֿלעג מסכּים זײַן
וואָלט	איך וואָלט מסכּים געווען

Note:
Periphrastic verbs with זײַן have האָבן as their past tense auxiliary verb.

The passive

The passive is formed with the auxiliary verb ווערן in the appropriate tense in conjunction with the passive participle of the relevant verb, as follows:

present tense	עס ווערט געשריבן
past tense	עס איז געשריבן געוואָרן
future tense	עס וועט געשריבן ווערן
פֿלעג	עס פֿלעג(ט) געשריבן ווערן
וואָלט	עס וואָלט געשריבן געוואָרן

The agent (person/thing who causes the passive action to happen) is introduced by פֿון (by).

צו before infinitives

צו is not used following:

1 modal verbs
2 the verbs העלפֿן, בלײַבן, ענדיקן, פּרוּוון, בעטן, לערנען, and לערנען זיך
3 verbs of motion.

Conversely, צו must be used following the construction עס + זײַן + adjective, and is typically used after ליב האָבן and פֿײַנט האָבן.

In other contexts צו is optional.

Sentence structure

Fulfillable conditions

Fulfillable conditions are formed as follows:

condition clause

object (if relevant)	+	future tense verb	+	subject	+	אויב ←

+ outcome clause

object (if relevant)	+	infinitive	+	subject	+	future auxiliary verb ←

Example אויב איך וועל האָבן צײַט, וועל איך זען אַ פֿילם.

Unfulfilled conditions

Unfulfilled conditions use a special auxiliary verb, וואָלט (would), which conjugates as follows:

Plural		Singular	
מיר וואָלטן	1st person plural	איך וואָלט	1st person singular
איר וואָלט	2nd person plural	דו וואָלטסט	2nd person singular
זיי וואָלטן	3rd person plural	ער/זי/עס וואָלט	3rd person singular

Unfulfilled conditions are formed as follows:

condition clause

objects (if appropriate)	+	past participle	+	וואָלט	+	subject	+	אויב\ווען\אַז ←

+ outcome clause

objects (if appropriate)	+	past participle	+	subject	+	וואָלט ←

Example אויב איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך געפֿאָרן קיין יאַפּאַן.

Inversions

Standard Yiddish word order is subject + verb + object. However, the subject and verb switch places in these circumstances:

1 in sentences beginning with an adverb, prepositional phrase, or direct object
2 in a main clause following a dependent clause or quote
3 optionally, to convey the meaning 'so' or stylistically in stories.

Expressing desire with זאָלן

The following construction is used to indicate that someone wants someone else to do something:

infinitive	+	זאָלן in present tense	+	subject 2	+	אַז (optional)	+	וועלן (in appropriate tense)	+	subject 1 ←

Example איך וויל (אַז) דו זאָלסט לייענען דאָס בוך.

Key to exercises

The Yiddish alphabet and pronunciation

Exercise 1

1 *nyu-york* (New York) 2 *kompyuter* (computer) 3 *shokolad* (chocolate) 4 *london* (London) 5 *beygl* (bagel) 6 *england* (England) 7 *telefon* (telephone) 8 *student* (student) 9 *oystralye* (Australia) 10 *amerike* (America) 11 *radyo* (radio) 12 *muzik* (music) 13 *televizye* (television) 14 *hong kong* (Hong Kong) 15 *kanade* (Canada) 16 *matematik* (mathematics) 17 *eroplan* (aeroplane) 18 *afrike* (Africa) 19 *eyrope* (Europe) 20 *melburn* (Melbourne)

Exercise 2

1 *zhurnalist* (journalist) 2 *dzhongl* (jungle) 3 *tshek* (cheque) 4 *prestizh* (prestige) 5 *tshelo* (cello) 6 *dzhentlmen* (gentleman) 7 *los andzheles* (Los Angeles) 8 *zhaket* (jacket) 9 *tshernobl* (Chernobyl) 10 *inzhenir* (engineer)

Exercise 3

1 *shabes* (Sabbath) 2 *loshn-koydesh* (Hebrew/Aramaic component of Yiddish) 3 *ester* (Esther) 4 *rosheshone* (Rosh HaShana/Jewish New Year) 5 *yisroel* (Israel) 6 *khanike* (Hanukka) 7 *yomkiper* (Yom Kippur/ Day of Atonement) 8 *miryem* (Miriam) 9 *toyre* (Torah) 10 *mazltov* (congratulations)

Unit 1

Exercise 1

1 שלום עליכם! 3 ווי הייסטו? 5 וואָס מאַכסטו?

Exercise 2

1 בין 2 איז 3 זענען/זײַנען 4 זענען/זײַנען 5 ביסט 6 זײַט/זענט 7 זענען/זײַנען

Exercise 3

1 יאָ, רחל איז אַ סטודענטקע. 2 ניין, חנה איז אַ סטודענטקע. 3 דוד איז אויך אַ סטודענט. 4 יאָ, דוד איז קלוג. 5 יאָ, רחל איז פֿויל. 6 ניין, רחל און דוד זענען אין דעם זעלבן קלאַס.

Exercise 4

1 אַ 2 אַן 3 אַ 4 אַן 5 אַ

Exercise 5

1 האָבן 2 האָב 3 האָסט 4 האָט 5 האָט 6 האָבן

Exercise 6

1 ווער 2 פֿאַרוואָס 3 ווי 4 וואָס 5 ווער 6 פֿאַרוואָס 7 ווער

Unit 2

Exercise 1

1 וווינען 2 קום 3 רעדט 4 טרינקט 5 אַרבעטן 6 עסט 7 שרײַבט

Exercise 2

1 רעדן זיי ענגליש און רוסיש? 2 וווינסטו אין קאַנאַדע? 3 טרינקט רחל וואַסער? 4 קומען חנה און דוד פֿון ייִדיש קלאַס? 5 שרײַבט איר ייִדיש? 6 לייענט דוד שפּאַניש?

Exercise 3

1 **פֿאַרוואָס** איז די סטודענטקע מיד? 2 **וואָס** טרינקט זי? 3 **וויפֿל** שפראַכן רעדט דוד? 4 **פֿון וואַנען** קומט רחל? 5 **ווער** איז דאָס? 6 **וואָס** איז דאָס?

Exercise 4

1 איך פֿאַרשטיי **נישט|ניט** די לעקציע. 2 רחל איז **נישט|ניט** זייער מיד. 3 דער מאַן זיצט **נישט|ניט** אין מײַן קלאַס. 4 דו דערציילסט **נישט|ניט** די וויצן. 5 איר קומט **נישט|ניט** פֿון אויסטראַליע. 6 מיר אַרבעטן **נישט|ניט** שווער. 7 איך פֿאַרגעס **נישט|ניט** זײַן נאָמען.

Exercise 5

1 עס איז דאָ אַ פֿרוי פֿון פוילן אין רחלס קלאַס. 2 עס זענען|זײַנען דאָ אַ סך גוטע סטודענטן אין רחלס קלאַס. 3 עס איז דאָ אַן אַקטיאָר אין רחלס קלאַס. 4 עס איז דאָ אַ זינגערין אין רחלס קלאַס. 5 עס זענען|זײַנען דאָ אַ סך באַרימטע מענטשן אין רחלס קלאַס. 6 עס איז דאָ אַ מאַן מיט ברילן אין רחלס קלאַס.

Exercise 6

די, דער, די, די, דער, די, די, דאָס, דער, די

Unit 3

Exercise 1

1 ניין, חנה האָט נישט ליב קרעטשמעס. 2 יאָ, איך האָב ליב טעאַטער. 3 ניין, די סטודענטן האָבן נישט ליב היימאַרבעט. 4 ניין, חנה האָט נישט ליב צו טאַנצן. 5 יאָ, איך האָב ליב צו גיין אין רעסטאָראַן.

Exercise 2

1 ווייסט 2 גייען 3 גיסט 4 גייען 5 פֿאַרשטייען 6 טוסטו 7 זעען 8 ווייס

Exercise 4

1 קלוג**ער** 2 גוט**ע** 3 אינטערעסאַנט**ע** 4 שיינ**ע** 5 קליינ**ע** 6 נײַ**ער** 7 שווער**ע**

Exercise 5

1 דער נײַער קינאָ איז שיין. 2 די מידע סטודענטקע עסט אַ געשמאַקע וועטשערע. 3 אַלע נײַע שפּראַכן זענען/זײַנען שווער. 4 די באַרימטע זינגערין פֿאַרשטייט ייִדיש. 5 דאָס גוטע בוך האָט שווערע ווערטער. 6 דאָס קלוגע מיידל זינגט שיינע לידער.

Unit 4

Exercise 1

1 איך עס נישט/ניט קיין עפּל. 2 רחל האָט נישט קיין שיינע בילדער. 3 די בילדער זענען נישט/ניט אויף די ווענט. 4 מיר האָבן נישט/ניט ליב די נײַע טעלעוויזיע. 5 די סטודענטן וווינען נישט/ניט אין קיין דירה. 6 דוד האָט נישט/ניט קיין סך געלט. 7 דו האָסט נישט/ניט קיין ווערטערבוך. 8 די סטודענטן זענען נישט/ניט מיד. 9 חנה האָט נישט/ניט קיין צײַט.

Exercise 2

-, דירהלע; -, לעמפּעלע; פֿענצטערל, -; בילדל, בילדעלע;ביימל, ביימעלע; שלאָפֿצימערל, -; בעטל, בעטעלע; טישל, טישעלע.

Exercise 5

1 חנה האָט ביכער. 2 די לערערקעס וווינען אין לאָנדאָן. 3 די לעמפּלעך זענען/זײַנען שיין. 4 די צימערן האָבן סאָפֿקעס. 5 רחל האָט שיינע בילדער. 6 די טעג זענען/זײַנען לאַנג. 7 רחל רעדט מיט חבֿרים. 8 די קליינע דירות זענען/זײַנען נישט באַקוועם.

Unit 5

Exercise 1

1 דײַנע 2 זײַן 3 אונדזערע 4 זײַנע 5 אײַער 6 זייער 7 מײַן 8 איר 9 מײַנע 10 דײַן

Exercise 2

1 דער ברודער איז זעקס און צוואַנציק/צוואָנציק יאָר אַלט. 2 די שוועסטער איז פֿינף און דרײַסיק יאָר אַלט. 3 די קוזינקע איז צוועלף יאָר אַלט. 4 דער פֿעטער איז דרײַ און זיבעציק יאָר אַלט. 5 דער פּלימעניק איז זיבן יאָר אַלט. 6 די באָבע

איז אַכט און אַכציק יאָר אַלט. 7 דער זיידע איז איין און נײַנציק יאָר אַלט. 8 די מאַמע איז נײַן און פֿופֿציק יאָר אַלט.

Exercise 3



Exercise 4

1 דער, דעם 2 די, דאָס 3 דאָס, די 4 דער, דער 5 די, דעם 6 דער, דאָס

Exercise 5

דעם, עלטערן, דעם, ייִנגערן, ייִנגערע, די, קליין, קליינעם, שיין, נײַעם, די, דעם, די, אַנדערע

Exercise 6

1 צוועלף אַ זייגער 2 אַ פֿערטל נאָך זיבן 3 האַלב נײַן 4 פֿינף און צוואַנציק/צוואָנציק צו/פֿאַר עלף 5 פֿינף צו/פֿאַר צוויי 6 צוואַנציק/צוואָנציק נאָך איינס 7 צען צו/פֿאַר דרײַ 8 צען צו/פֿאַר זעקס

Exercise 7

1 רחל טרינקט קאַווע אַכט אַ זייגער (אין דער פֿרי). 2 רחל שרײַבט היימאַרבעט האַלב נײַן (אין דער פֿרי). 3 רחל גייט אין ביבליאָטעק אַ פֿערטל צו/פֿאַר נײַן (אין דער פֿרי). 4 רחל עסט וואַרעמעס האַלב איינס (נאָך מיטאָג). 5 רחל גייט אַהיים אַ פֿערטל צו/פֿאַר זיבן (אין אָוונט). 6 רחל עסט וועטשערע צוואַנציק/צוואָנציק נאָך זיבן (אין אָוונט). 7 רחל גייט אין קינאָ פֿינף און צוואַנציק/צוואָנציק צו/פֿאַר נײַן (אין אָוונט). 8 רחל קומט צוריק פֿון קינאָ צען נאָך צען (בײַ נאַכט).

Unit 6

Exercise 1

1 דעם 2 דער 3 דעם 4 דער 5 דעם 6 דער 7 דער 8 די

Exercise 2

1 דער לינקער 2 דער נײַער 3 דער בלאָנדער 4 דעם שיינעם 5 די געקרײַזלטע 6 דער גרויסער 7 די רויטע 8 דער באַקוועמער 9 דער רעכטער

Exercise 3

1 מען) רעדט מיט דעם מויל. 2 מען) לייענט מיט די אויגן. 3 מען) טראַכט מיט דעם קאָפּ. 4 מען) הערט מיט די אויערן. 5 מען) לויפֿט מיט די פֿיס. 6 מען) קײַט מיט די ציין. 7 מען) שמעקט מיט דער נאָז.

Exercise 4

1 צו דעם ← צום 2 מיט דעם ← מיטן 3 בײַ דעם ← בײַם 4 פֿון דעם ← פֿונעם 5 אויף דעם ← אויפֿן 6 מיט דער 7 אין דעם ← אינעם

Exercise 5

1 חנה זעט אסתּרן, חיימען, יוספֿן, און מרימען אין רחלס בילדער. 2 אסתּר גייט חתונה האָבן מיט חיימען. 3 רחל עסט וועטשערע מיט אסתּרן, חיימען, יוספֿן, און מרימען. 4 יוסף האָט שטענדיק אַ ווערטערבוך אין דער האַנט. 5 רחל האָט צוויי לינקע פֿיס. 6 דוד רעדט מיט רחלען און חנהן.

Exercise 6

1 דעם, טאַטן 2 דעם, רבֿין 3 דער, מומען 4 דעם, זיידן 5 דער, באָבען 6 די, מאַמע

Exercise 7

1 דאָס איז דודס מאַנטל. 2 דאָס איז אסתּרס פֿינגערל. 3 דאָס איז דעם בחורס חבֿר. 4 זיי זענען דער לערערקעס בילדער. 5 חנהס טאַטע איז אַ דאָקטער. 6 רחלס דירה איז צו קליין. 7 דאָס איז דער זשורנאַליסטקעס קאָמפּיוטער. 8 דאָס איז דעם סטודענטס ווערטערבוך.

Unit 7

Exercise 1

1 דערציילט 2 נעם 3 לאָמיר גיין 4 גיב 5 לאָמיר זען 6 קומט 7 לייען 8 לאָמיר מאַכן

Exercise 2

איר, דיר, דיך, אונדז, אײַך, מיך, זיי

Exercise 3

קען, וויל, מוזסט, קענסט, וויל, מוז, טאָרסט נישט, מעגסט, זאָלסט, קענסטו

Exercise 4

דוד טראָגט אַ יאַרמלקע, ברילן, אַ מאַנטל, אַ העמד מיט פּאַסן, אַ רימען, הויזן, זאָקן, און שיך.
רחל טראָגט אַ היטל, אַ שאַליקל מיט פּאַסן, אַ בלוזקע מיט לאַנגע אַרבל און גרויסע קנעפּ, אַ לאַנגע ספּודניצע מיט פּאַסן, זאָקן, און שטיוול.

Exercise 5

←
1 אַרבל 3 שאַליקל 5 זאָקן 6 הענטשקעס 8 סאַנדאַלן

↓
2 ברילן 3 שיך 4 קאַפּאָטע 6 היטל 7 קנעפּ

Unit 8

Exercise 1

דוד, אסתּר, און איך האָבן געגעסן וועטשערע בײַ רחלען. דוד און איך האָבן געברענגט/געבראַכט אַ קוכן. רחל האָט געזאָגט, "איר האָט נישט געדאַרפֿט ברענגען קיין עסן!" מיר האָבן געפּרוּווט העלפֿן רחלען אין קיך, אָבער זי האָט נישט געוואָלט קיין הילף. זי האָט געמאַכט אַ סאַלאַט און געקאָכט אַ זופּ. איך האָב געזאָגט, "דו האָסט געאַרבעט צו שווער!" מיר האָבן געענדיקט עסן און רחל האָט אונדז געגעבן הייסע טיי. רחל און דוד האָבן אויך געטרונקען ווײַן. מיר האָבן גערעדט ביז שפּעט.

Exercise 2

1 רחל האָט שוין געקאָכט די זופּ. 2 אסתּר האָט געוואָלט העלפֿן רחלען. 3 רחל האָט נישט געוואָלט הילף ווײַל זי האָט שוין כּמעט געענדיקט. 4 רחל האָט געגעסן אין רעסטאָראַנען ווען זי האָט געווינט אין ניו-יאָרק. 5 ניין, רחל האָט פֿאַרגעסן אָנצינדן דעם אויוון.

Exercise 4

1 דער ערשטער מענטש לייענט אַ בוך. 2 דער צווייטער מענטש שרײַבט. 3 דער דריטער מענטש עסט קוכן. 4 דער פֿערטער מענטש שלאָפֿט. 5 דער פֿופֿטער מענטש טרינקט קאַווע. 6 דער זעקסטער מענטש זעט טעלעוויזיע. 7 דער זיבעטער מענטש טאַנצט. 8 דער אַכטער מענטש לויפֿט. 9 דער נײַנטער מענטש רעדט אויפֿן טעלעפֿאָן. 10 דער צענטער מענטש הערט ראַדיאָ.

Exercise 5

דריטע, צווייטער, ערשטע, פֿערטע, ערשטע, פֿופֿציקסטע

Unit 9

Exercise 1

1 איז געקומען 2 בין געווען 3 זענען/זײַנען געשווומען 4 איז געלעגן 5 זײַט/זענט געפֿלויגן 6 זענען/זײַנען געפֿאָרן 7 זענען/זײַנען געגאַנגען 8 ביסט געזעסן 9 זענען/זײַנען געוואָרן 10 בין געשלאָפֿן

Exercise 2

קיין, אין, אויף, צו, אין, אין

Exercise 3

1 פֿאָרן 2 גיין 3 גיין 4 פֿאָרן

Exercise 4

2 שיף 3 ראָווער 4 אונטערגרונט-באַן 5 מאָטאָציקל 6 אויטאָ

Exercise 6

1 עס זענען/זײַנען געווען גוטע לערערס בײַם זומער-קורס. 2 עס זענען/זײַנען נישט געווען קיין נודניקעס . . . 3 עס זענען/זײַנען געווען אינטערעסאַנטע רעפֿעראַטן . . . 4 עס זענען/זײַנען געווען צו פֿיל לעקציעס אין דער פֿרי . . . 5 עס איז נישט געווען קיין פֿרײַע צײַט . . . 6 עס איז געווען אַ סך שווערע היימאַרבעט . . .

Exercise 8

1 צוועלף צוויי און זיבעציק 2 זיבעצן זעכציק 3 זיבעצן צוויי און זיבעציק 4 אַכצן צען 5 אַכצן איין און אַכציק 6 נײַנצן אַכט 7 נײַנצן פֿופֿצן 8 נײַנצן פֿינף און פֿערציק 9 צוויי טויזנט פֿערצן 10 צוויי טויזנט צוויי און דרײַסיק

Unit 10

Exercise 1

וועט, וועסטו, וועסט, וועל, וועט, וועלן, וועלן, וועלן, וועל, וועל

Exercise 3

1 עס זענען דאָ וואָלקנס אין הימל; די זון שײַנט. 2 עס גייט אַ רעגן; עס זענען דאָ וואָלקנס אין הימל; עס בלאָזט אַ ווינט. 3 עס גייט אַ שניי; עס זענען דאָ אַ סך וואָלקנס אין הימל. 4 די זון שײַנט; עס זענען נישטאָ קיין וואָלקנס אין הימל. 5 עס בליצט; עס זענען דאָ שוואַרצע וואָלקנס אין הימל; עס גייט אַ רעגן.

Exercise 4

1 עס גייט אַ שניי. 2 עס קומט אַ שטורעם. 3 עס טוט מיר וויי דער האַלדז. 4 עס שײַנט די זון. 5 עס בלאָזט אַ ווינט.

Exercise 5

1 ווינטערצײַט שלאָף איך אַ סך. 2 "איך האָב פֿײַנט ווינטער", זאָגט רחל. 3 נעכטן איז דער הימל געווען בלוי. 4 ווען עס איז קאַלט אין דרויסן איז חנה שטענדיק הונגעריק. 5 אין די מאָדערנע צײַטן איז דער וועטער זייער מאָדנע! 6 דודן קען איך, נישט רחלען.

Unit 11

Exercise 1

1 אינטערעסאַנטער 2 גרעסער 3 שווערער 4 בעסער 5 מידער 6 ייִנגער 7 ערגער 8 קלענער

Exercise 2

בעסערע, ייִנגערער, ערגערער, שווערער, קליגערער, שענערע, לענגערע, קירצערע, לײַכטערע, אינטערעסאַנטערע

Exercise 4

1 די ערגסטע 2 די לענגסטע 3 די שווערסטע 4 די בעסטע 5 ייִנגסטער 6 דעם גרעסטן 7 די לײַכטסטע 8 דער קלענסטער

Exercise 5

1 דוד אַרבעט די לענגסטע שעהען. חנה אַרבעט די קירצסטע שעהען. 2 דודס הויז איז דאָס גרעסטע. רחלס דירה איז די קלענסטע. 3 דודס זיידע איז דער עלטסטער. דודס פּלימעניק איז דער ייִנגסטער.

Exercise 6

1 עס איז נישט גוט **צו** אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג.
צו cannot be used in these sentences: 6–2

Unit 12

Exercise 1

1 האָט דערציילט 2 האָבן שפּאַצירט 3 האָט באַשטעלט 4 האָט אַפּליקירט 5 האָסט פֿאַרגעסן 6 האָט צעבראָכן 7 האָב געדענקט 8 האָבן פֿאַרקויפֿט

Exercise 2

1 איך האָב געקויפֿט די קאָמפּאַקטלעך אין שטאָט. 2 מיר ווילן גיין אין די נײַע קראָמען. 3 חנה זיצט אין ביבליאָטעק. 4 דער קרעמער גיט אַ קוק אין ביוראָ. 5 רחל גייט אין אוניווערסיטעט. 6 ביסטו געגאַנגען אין קאַפֿע? 7 דוד וויל עסן וועטשערע אין אַ רעסטאָראַן.

Exercise 3

1 מיר האָבן זיך געאײַלט אויפֿן קאָנצערט. 2 איך האָב זיך געלערנט ייִדיש אין אוניווערסיטעט. 3 דוד האָט זיך געקויפֿט אַ נײַ קאָמפּאַקטל. 4 די חבֿרים האָבן זיך געטראָפֿן בײַם קאָנצערט. 5 דו האָסט זיך געפֿרעגט פֿאַרוואָס חנה האָט ליב נאָר אַלטע מוזיק. 6 רחל האָט זיך דערמאָנט אַז זי מוז צוריקגעבן דודן זײַן קאָמפּאַקטל.

Exercise 4

1 . . . וועלן זיך אײַלן . . . 2 . . . וועל זיך לערנען . . . 3 . . . וועט זיך קויפֿן . . .
4 . . . וועלן זיך טרעפֿן . . . 5 . . . וועסט זיך פֿרעגן . . . 6 . . . וועט זיך דערמאָנען . . .

Exercise 5

1 דאָס קאָמפּאַקטל קאָסט צוואַנציק\צוואָנציק דאָלאַר. 2 דער פֿידל קאָסט זיבן הונדערט שקל. 3 די ספּודניצע קאָסט פֿופֿצן פֿונט. 4 דער ראָוער קאָסט הונדערט פֿערציק אײראָ. 5 דאָס ווערטערבוך קאָסט דרײַסיק אײראָ. 6 דער קאָמפּיוטער קאָסט זעקס הונדערט פֿופֿציק דאָלאַר.

Unit 13

Exercise 1

1 אויב מיר וועלן האָבן חשק, וועלן מיר זען אַ פֿילם. 2 אויב רחל וועט נישט געפֿינען קיין אַרבעט אין לאָנדאָן, וועט זי פֿאָרן קיין אַמעריקע. 3 אויב דו וועסט ליב האָבן דעם פֿילם, וועל איך עס אויך זען. 4 אויב איך וועל פֿאָרן אין מאה שערים, וועל איך רעדן אַ סך ייִדיש. 5 אויב דוד וועט ווערן אַ סטודענט, וועט דער פֿעטער יאַנקל זײַן אומצופֿרידן. 6 אויב רחל וועט בלײַבן אין לאָנדאָן, וועט חנה זײַן גליקלעך. 7 אויב דו וועסט רעדן אַ סך, וועט דײַן ייִדיש ווערן זייער גוט. 8 אויב רחל וועט אַרבעטן שווער, וועט זי באַלד ענדיקן דעם דאָקטאָראַט.

Exercise 2

אויב רחל וועט האָבן צײַט, וועט זי . . . 1 שלאָפֿן ביז צוועלף אַ זייגער. 2 גיין אויף אַ לעקציע. 3 זיך טרעפֿן מיט חנהן. 4 לייענען אַ ייִדישע מעשׂה. 5 גיין אין ביכערקראָם. 6 זען אַ פֿילם. 7 הערן ייִדישן ראַדיאָ אויף דער אינטערנעץ.

Exercise 4

1 קומט אַרויס 2 גיי אַרײַן 3 הייבן אָן 4 נעמט אַרויס 5 הערן אויף 6 גייט פֿאַרבײַ 7 גרייטן צו 8 קלײַבסט אויס

Exercise 5

דוד און איך זענען אַרײַנגעגאַנגען אין ביבליאָטעק און האָבן אַרויסגענומען אַ סך ביכער מיט ייִדישע פּיעסעס. מיר האָבן אָנגעהויבן צו לייענען. אַ סך פּיעסעס האָבן אויסגעזען אינטערעסאַנט, אָבער מיר האָבן נישט אויסגעקליבן קיין פּיעסע ווײַל עס איז געווען שווער צו באַשליסן. איך בין בייז געוואָרן און האָב אויפֿגעהערט לייענען. דוד איז מיד געוואָרן און איז אײַנגעשלאָפֿן.

Exercise 6

... וועלן אַרײַנגיין ... וועלן אַרויסנעמען ... וועלן אָנהייבן ... וועלן אויסזען ... וועלן נישט אויסקלײַבן ... וועט זײַן ... וועל בייז ווערן ... וועל אויפֿהערן ... וועט מיד ווערן ... וועט אײַנשלאָפֿן.

Exercise 7

1 אַנדער 2 אַנדערער 3 אַנדער 4 אַנדער 5 אַנדערע 6 אַנדערע 7 אַנדערן

Unit 14

Exercise 1

1 אויב איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך געקויפֿט ביכער אויף דער אינטערנעץ. 2 אויב חנה וואָלט געהאַט צײַט, וואָלט זי געשריבן בריוו אַנשטאָט בליצבריוו. 3 אויב מיר וואָלטן געהאַט אַ צעלקע, וואָלטן מיר איצט געקענט טעלעפֿאָנירן. 4 אויב איך וואָלט נישט פֿאַרגעסן מײַן וואָרטצייכן, וואָלט איך געקענט לייענען מײַנע בליצבריוו. 5 אויב דו וואָלטסט באַקומען מײַנע בליצבריוו, וואָלטסטו געוווּסט ווען איך קום. 6 אויב דוד וואָלט געאַרבעט אין אַ ביוראָ, וואָלט ער נישט געווען צופֿרידן. 7 אויב דוד און רחל וואָלטן נישט געשמועסט אויף דער אינטערנעץ, וואָלטן זיי נישט געבליבן אין קאָנטאַקט.

Exercise 3

1 אויף וועלכן 2 וואָס 3 וועמענס 4 מיט וועמען 5 אויף וועלכע 6 וואָס

Exercise 5

רחל **האָט חוזק געמאַכט** פֿון מיר ווײַל איך זאָג שטענדיק אַז צעלקעס און קאָמפּיוטערס **האָבן קאַליע געמאַכט** די וועלט. זי **האָט געזאָגט**, „די אינטערנעץ איז וווּנדערבאַר!" אָבער איך **האָב** נישט **מסכּים געווען** מיט איר; איך **האָב ממשיך געווען** מיט מײַנע געדאַנקען. אָפּטמאָל **האָב** איך **געשריבן** אַ לאַנגן בליצבריוו, און

דער בליצבריוו **איז** פּלוצעם **נעלם געוואָרן**. יעדעס מאָל **האָב** איך **חרטה געהאַט** וואָס איך האָב נישט געשריבן אַ בריוו מיט אַ פּעדער און פּאַפּיר.

Exercise 6

1 וועלן חתונה האָבן 2 ווערסט חרטה האָבן 3 וועט ליב האָבן 4 וועלן נישט נעלם ווערן 5 ווערסט פֿײַנט האָבן

Unit 15

Exercise 1

1 פֿלעג 2 פֿלעג(ט) 3 פֿלעג(ט) 4 פֿלעגן 5 פֿלעגסטו 6 פֿלעגט

Exercise 2

1 דוד פֿלעג(ט) לייענען ביכער . . . ווען ער איז געווען אַ קינד.

Exercise 3

אַ סך מעשׂיות וועגן טבֿיה דעם מילכיקער זענען/זײַנען געשריבן געוואָרן פֿון שלום עליכמען. די מעשׂיות זענען/זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין ייִדישע צײַטונגען. די מעשׂיות זענען/זײַנען געלייענט געוואָרן פֿון אַ סך מענטשן. אַ ייִדישע פּיעסע און שפּעטער אַ פֿילם זענען/זײַנען געמאַכט געוואָרן וועגן טבֿיהן. אין 1964 איז אַ פּיעסע געמאַכט געוואָרן אויף ענגליש. די פּיעסע ווערט גערופֿן "פֿידלער אויפֿן דאַך". די פּיעסע איז באַזירט געוואָרן אויף שלום עליכמס מעשׂיות. הײַנט ווערט דער ייִדישער פֿילם פֿאַרקויפֿט אין קראָמען און אויף דער אינטערנעץ. און די פּיעסע וועט זיכער פֿאָרגעשטעלט ווערן נאָך אַ סך מאָל אויף ייִדיש.

Exercise 4

1 מיר איז קאַלט. 2 די חבֿרים איז גוט. 3 אונדז איז צו וואַרעם. 4 איר איז אומעטיק. 5 רחלען איז נישט גוט.

Exercise 5

1 רחל וויל (אַז) דוד זאָל לייענען מענדעלען. 2 רחל וויל (אַז) חנה זאָל שטודירן ייִדישע ליטעראַטור. 3 דער פּעטער יאַנקל וויל (אַז) דוד זאָל נישט שרײַבן קיין דאָקטאָראַט. 4 די לערערקע וויל (אַז) די סטודענטן זאָלן ליב האָבן ייִדיש. 5 איך וויל (אַז) איר זאָלט זען ייִדישע פֿילמען. 6 מיר ווילן (אַז) די דרײַ חבֿרים זאָלן לעבן ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך.

Yiddish–English glossary

א	
אַ/אַן	a/an
אַבי	as long as
אָבער	but; however
אָבֿ [אָוו]	July/August
אַבֿרהם [אַווראָם]	Abraham
אַגדה [אַגאָדע] (די), -ות	legend; non-legal sections of classical rabbinic texts, e.g. Talmud and midrash
אַדאַפּטירן, -ט	to adapt
אַדוואָקאַט (דער), -ן	lawyer
אָדער	or
אָדר [אָדער]	February/March
אָדר ב׳ [אָדער בייס]	March/April (leap years only)
אַהײם	(to) home
אַהײמגײן, אַהײמגעגאַנגען (+ זײַן)	to go home
אַהין	(to) there
אַהינפֿאָרן, אַהינגעפֿאָרן (+ זײַן)	to travel there
אַהער	(to) here
אַוודאי [אַוואַדע]	of course
אָוונט (דער), -ן	evening
אַוועקגײן, אַוועקגעגאַנגען (+ זײַן)	to go away
אוי	oh; oh dear; oh no
אוי וויי	oh no!
אויב	if
אויג (דאָס), -ן; אייגל (diminutive)	eye
אויגוסט (דער)	August
אויוון (דער), -ס; אייוול (diminutive)	oven; cooker/stove
אויטאָ (דער), -ס	car
אויטאָבוס (דער), -ן	bus
אויך	also
אויסגעמוטשעט	exhausted
אויסגעצייכנט	outstanding
אויסזען, אויסגעזען	to look (like); to seem
אויסטראַליע (די)	Australia
אויסמײַדן, אויסגעמיטן	to avoid
אויסערגעוויינטלעך	amazing; extraordinary
אויסקלײַבן, אויסגעקליבן	to choose
אויער (דער/דאָס), -ן	ear
אויף	on; about; to (an event); in (a language); for (length of time)
אויפֿבלי (דער), -ען	blossoming
אויפֿגערעגט	annoyed; upset

Italy	איטאַליע (די)
Italian (adjective); Italian language	איטאַליעניש (דאָס)
egg	איי (דאָס), -ער
eternal	אייביק
gentle	איידל
son-in-law	איידעם (דער), -ס|-עס
ice	אײַז (דאָס), -
fridge; coolbox/ cooler	אײַזקאַסטן (דער), -ס
you (accusative/ dative plural)	אײַך
to hurry	אײַלן זיך, זיך גע-ט
one (before noun)	איין
one (noun)	אײנע(ר)
grandchild	אייניקל (דאָס), -עך
one (in counting)	איינס
idea	אײַנפֿאַל (דער), -ן
to fall asleep	אײַנשלאָפֿן, אײַנגעשלאָפֿן (+ זײַן)
your (plural)	אײַער, -ע
the day before yesterday	איערנעכטן
April/May	אייר [איִער] (דער)
euro	אייראָ (דער), -ס
Europe	אייראָפּע (די)
European	אייראָפּעיִש
I	איך
him	אים
immigrant	אימיגראַנט (דער), -ן
immigrate	אימיגרירן, -ט
in; to	אין
OK	אין אָרדענונג
in . . . time	אין . . . אַרום
in truth	אין דער אמתן [עמעסן]
in the morning	אין דער פֿרי
to stop	אויפֿהערן, אויפֿגעהערט
to wake up	אויפֿכאַפּן זיך, זיך אויפֿגעכאַפּט
to get up; to stand up	אויפֿשטיין, אויפֿגעשטאַנען (+ זײַן)
impossible	אוממעגלעך
everywhere	אומעטום
sad	אומעטיק
displeased	אומצופֿרידן
and	און
us	אונדז
our	אונדזער, -ע
under	אונטער
underground/ tube/subway	אונטערגרונט-באַן (די), -ען
	אונטערן = אונטער דעם
treasure	אוצר [אויצער] (דער), -ות [אויצרעס]
Ukrainian (adjective); Ukrainian language	אוקראַיִניש (דאָס)
the Ukraine	אוקראַיִנע (די)
ancient	אוראַלט
that; when; if	אַז
such a	אַזאַ
so	אַזוי
as . . . as	אַזוי . . . ווי
besides	אַחוץ [אַכוץ]
over	איבער
adaptation; revision	איבעראַרבעטונג (די), -ען
	איבערן = איבער דעם
the day after tomorrow	איבערמאָרגן
translation	איבערזעצונג (די), -ען
to translate	איבערזעצן, איבערגעזעצט
so	איז

אין דרויסן	outside
אינזשעניר (דער), -ן	engineer
אינטערנעץ (די), -ן	Internet
אינטערעסאַנט	interesting
אינטערפּרעטאַציע (די), -ן	interpretation
אינסטרומענט (דער), -ן	instrument
אינעם = אין דעם	
אינפֿאָרמאַציע (די), -ס	information
אינפֿעקציע (די), -ס	infection
איצט	now
איר	you (plural); her (dative pronoun)
איר, -ע	her (possessive adjective)
אַכט	eight; eighth
אַכציק	eighty
אַכציקסט	eightieth
אַכצן	eighteen
אַכצנט	eighteenth
אַלגעמיין	general
אלול [עלעל] (דער)	August/ September
אַלט, עלטער (comparative)	old
אַלטמאָדיש	old-fashioned
אליהו הנביא [עליאָהו האַנאָווי]	the prophet Elijah
אַליין	alone; oneself
אַלמנה [אַלמאָנע] (די), -ות	widow
אַלמער (דער), -ס	wardrobe
אַלע (plural)	all
אַלץ	everything
אַמעריקאַנער	American
אַמעריקע (די)	America
אמת [עמעס], דער, -ן [עמעסן]	truth
אמת [עמעס]	true; real (adjective)
אָן	without
אַנדער	other
אַנדערש	different
אָנהייב (דער), -ן	beginning
אָנהייבן, אָנגעהויבן	to start
אָנהייבער (דער), -ס	beginner
אָנטאָן, אָנגעטאָן	to put on (clothes)
